STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05848

GEZAMELTE SHRIFTEN IN FUFTSEHN BENDER

S. An-Ski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. אַנ־סקי.

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט).

געזאַמעלטע שריפטען.

דריטער באַנד.

קאָמעדיעס.

פֿערלאַג „אַנ־סקי"

ווילנאָ־ווארשא־ניו־יאָרק תרפ"ט 1929

אויסגעפיהרט דורכ׳ןפערלאַג ש. שרעבערק.
ביי געז. „צענטראל",
ווארשע, נאוואליפקי 7.

Printed in Poland

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

SZ. AŃ—SKI.

trzeci tom:

KOMEDIE.

Warszawa, 192[illegible].

Wydawnictwo „AŃ—SKI“ Wilno Warszawa—Nowy-Jork.

SH. AN—SKY.

third volume

COMEDIES.

Warsaw 192[illegible]

Publishing Company „AN-SKY“ Vilno Warsaw—New-York.

Zakład Graf. „STEREOTYP“
Warszawa, Nowolipki 7.

איבערדרוקען, איבערזעצען און אויספיהרען
אויף דער סצענע אָהן דער ערלויבעניש פון
אויטאָרס צואה-פערהאַלטער איז שטרענג פערבאָטען.

פּאָטער און זוהן

אַ קאָמעדיע אין איין אַקט.

פערזאָנען.

ר׳ משה—אַנ׳עלטערער ייד׳

חיים }
גיטעל } זיינע קינדער.

דבורה—משה׳ס שוועסטער

גנענדל—א קעכן ביי ר׳ משה׳ן.

יאָסל—איהר זוהן.

אַ זשאַנדאַרמסקי.

זשאַנדאַרמען.

(אין א יודישער שטאָדט אין ליטע, יאָהר 1905)

ביי ר' משה'ן אין שטוב. א יודיש בעצירטער זאַל. רעכטס א טהיר אין חיימ'ס חדר. אין מיטען—א טהיר צום קיך אין גאַס. ביים טיש זיצען ר' משה און דבורה און טרינקען טהיי פון א בליאַך.

ר' משה

וועז האט מען איהם צוגענומען

דבורה

מיט א זיפץ

מאָרגען וועט ווערען צוויי וואָכען... וואָלסט נאָר זעהן, וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון! (שטילער) געקומען אין מיטען נאַכט. אויפגעוועקט די גאַנצע שטוב און האָבען אָנגעהויבען זוכען. פיר שעה אויפ'ן זייגער האָבען זיי געזוכט. איבערגעקעהרט די שטוב קאַפּויער! וואו האָבען זיי נישט געזוכט: אין סקלעפּ, אויפ'ן בוידעם, אין קוימען, אין די בעטען, אין וויגעלע ביי יחנה'ס מיידעל—אומעטום.

ר' משה

האָבען זיי עפּעס געפונען?

דבורה

אָט ווייסט דו?—אַזוי ווייס איך. זיי האָבען צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבען געפונען אין שטוב. אַלע זיינע ביכער, אַלע פּאַפּירען. האָבען אפילו צוגענומען מיין קרבן-מנחה...

ר׳ משה

הָאסטו עפּעס געפּרובט טהון? ביזטו ערגעץ געווען?

דבורה

וואו וועל איך זיין? וואָס קאָן איך טהון? מיין נחום איז אומגעלאָפען, אומגעגאַנגגען. ער האָט בעקאַנטע פּריצים... ווייס איך. זיי האָבען איהם געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו שרעקען זיך, אַז מען וועט איהם באַלד אַרויסלאָזען. און אין שטאָדט זאָגט מען, אַז מען וועט איהם פערשיקען אין סיביר... (פּויזע) וויפיל איך האָב מיט איהם גערעדט, וויפיל איך האָב מיט איהם גע׳טענה׳ט, וויפיל איך האָב זיך ביי איהם געבעטען: „זלמנ׳קע, מיין זוהן, האָב רחמנות, פיהר זיך נישט אום מיט דער חברה, מיש זיך נישט אין די זאַכען, דאָס וועט דיר צו גוטס נישט ברענגען”... איז הערט מיך די וואַנט—אַזוי האָט ער מיך געהערט.

עס געהט אריין גנענדל מיט אַ כליאַק

גנענדל

שטעלט דער כליאַק אויפ׳ן טיש

לעבליכע וואַסער! זויערע טהיי! שבת׳דיגע טהיי!... איהר ט׳אפשר עפּעס נעהמען אין מויל, דבורה׳נקע? אַ קיכעל, אַ שטיקעל צימעס-פלייש...

דבורה

אַדאַנק דיר, גנענדעלע, איך בין זאַט...

גנענדל

איך וואָלט וויסען, אַז איהר וועט קומען צופאָהרען—וואָלט איך מאַכען אַ זיסען קוגעל... איהר געדענקט אויף שבועות דעם קוגעל וואָס איך האָב געמאַכט? אַרומצולעקען די פינגער. וואָס, נישט?... (גיסט אָן טהיי) פאַרוואָס האָט גאָט נישט געמאַכט, אַז אַלע טאָג זאָל זיין שבת—וואָלט מען אַלע טאָג עסען קוגעל! (לאַכט)

דבורה

צו ר׳ משה׳ן

איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אפילו אַ זוהן, אפילו אַ קדיש—נאָר ער פערדריסט מיך שוין אַ ברעקע, נישט. דער הונט איז ווערטה דעם שטעקען... (מיט אַ וויינענדיגען קול) נאָר אויף מיין חנקה׳ן נעבעך איז אַ ביטערער צער....

ר׳ משה

וואָסי? וואָס איז מיט איהר?

דבורה

ווי הייסט וואָס איז מיט איהר? איך האָב דאָך דיר געשריבען, אַז איך האָב מיט איהר געטהון אַ שדוך. אַ שדוך, זאָג איך דיר—אַ גליק. דער חתן פון דער שענסטער משפחה, אַ וואוילערנער און זעקסהונדערט רובל נדן... שבת נחמן דאַרף זיין חתונה...

ר׳ משה

נו, איז וואָכ?

דבורה

וואָס זאָל זיין? איצטער האָב איך מורא, אַז זיי וועלען אָבשיקען די תנאים. אַ קליינינקייט! אַז זיי וועלען זיך דערוויסען, אַז מען האָט צוגענומען מיין זלמנ׳ען. וואָס... דער יחוס, דער ביוש? אַ זוהן אין אָסטראָג... איך זאָג דיר, איך ציטער, אַז זיי וועלען אָבשיקען די תנאים.

ר׳ משה

אַ! ציטער נישט. אַז זיי וועלען אַפילו דערוויסען, וועלען זיי אויך די תנאים נישט אָבשיקען... היינטיגע יאָהרען האָט מען זיך אויפגעהערט צו שרעקען פאַר די זאַכען. אסטראָג איז שוין איצט ברוך השם קיין בזיון נישט...

גנענדל

אָסטראָג! דעם קיסר׳ס מויערעל מיט די געלע וועגדטע-לעך, יונגים מיט די ביקסעלעך!...

ר׳ משה

היינטיגע יאָהרען, זאָג איך דיר, איז דאָס שוין גאָ-אָר קיין בזיון נישט... ביי אונז אין שטאָדט וועסטו נישט געפינען קיין איין בעל-הבית, ביי וועמען עמיצער זאָל נישט זיצען אין אָסטראָג. אַ זוהן, אַ טאָכטער, אַ שנור, אַנ׳איידעם...

דבורה

מיט א זיפץ

ביי אונז אין וויטעבסק איז אויך דיזעלבע פלאָגו וואָס דאַרפסטו מעהר?... מיט צוויי חדשים צוריק האָט מען צוגענומען און פערזעצט... מיינסטו וועמען? (בויגט זיך צו צו איהם, שטילער) ר׳ב שמואל׳קעס אַנ׳אייניקעל! אַ כלה אַ מויד פון ביינצעהן יאָהרו!

ר׳ משה

נו, זעהסטו!

גנענדל

דבורה׳לע! אפשר וועט איהר איבערכאַפּען אַ שטיקעל דאַ-רע קישקע אָדער אַ בלינציקל. ס׳אי פ רהאַן!

דבורה

אַדאַנק גנענדל, איך בין זאַט.

גנענדל געהט ארויס.

דבורה

וואָס וועט זיין דערפון! וואָס וועט זיין דערפון! איך זאָג דיר, משה, נישט אַנדערש, אַז ס׳איז משיח׳ס צייטען. נישט אַנ-דערש, וואָלסט זעהן וואָס ביי אונז אין שטאָדט טהוט זיך! איך

זאָג דיר, עס רודערט זיך ווי אין אַ קעסעל! עס געהט נישט דורך אַ וואָך, עס זאָל נישט זיין עפּעס אַ מהומה... וואָלסט נאָר זעהן: מען לויפט אום איבער די גאַסען מיט אַ פאָהן, מען זינגט, מען שרייט, יונגע לויפען נאָך... אַ געוואַלד, אַ געוואַלד!

ר׳ משה

ביי אונז איז אויך דיזעלבע חתונה. מען לויפט אום איבער די גאַסען, מען פּילדערט, מען שרייט! (געהט אום איבער׳ן זאַל) בערעכען זיך די העזה! אומלויפען אין מיטען העלען טאָג איבער די גאַסען און שרייען הויך אויפ׳ן קול, אַז מ׳וויל נישט דעם קיסר! וואו איז דאָס געהערט געוואָרען! דער מח הויבט זיך, אַז מען גיט אַ קלער.

דבורה

משיח׳ס צייטען! איך זאָג דיר, משה, ס׳איז משיח׳ס צייטען.

ר׳ משה

און גלאַט געדעדט: וואו? וואָס? ווער? ווענען? וואָס וועלען זיי אויספיהרען מיט דעם אומלויפען? וואָס ווילען זיי דערמיט מאַכען? היינט אומגעלאָפען איבער די גאַסען, מאָרגען אוםגעלאָפען איבער די גאַסען, היינט געשלאָגען מכות רצח, מאָרגען געשלאָגען, צוכאַפּט, צו׳ממית׳ט, פערזעצט...

דבורה

האָב רחמנות, זאָג מיר, פערטייטש מיר, וואָס ווילען זיי?

ר׳ משה

טראַכט אַ ווײַלע

וואָס ווילען זיי? זיי ווילען אַ קליינינקייט. זיי ווילען, עס זאָל נישט זיין קיין רייכע און קיין אָרימע, אָט וואָס זיי ווילען... (מיט אַ ביטערן שמייכעל) קיין רייכע און קיין אָרימע! ווער וויל דאָס נישט! איך וואָלט אויך וועלען, אַז אַלע זאָלען זע

בען ווי מענשען, נאָר וואָס וועלען זיי אויספיהרען?

עס געהט אריין גיטעל

גיטעל

בעאיילט

גוט שבת טאַטע! גוט שבת מוהמינקע! אַ גאסט! ווען זייט איהר געקומען?

קושען זיך

דבורה

נעכטען, צו רעכֿטע ליכֿט בענשען. נו, וואָס מאַכֿסטו, גי־טעלע? וואָס מאַכֿט דיין ברוך, די קינדערלעך?

גיטעל

געזונט, דאַנקען גאָט! מיין ברוך איז נישטאָ אינדערהיים.

דבורה

וואו איז ער?

גיטעל

מיט שטאָלץ

אין באַזעל, אויפ'ן קאָנגרעס.

דבורה

וואו?

ר' משה

אין אויסלאַנד... וועגען ארץ ישראל... ציוניסטען. האָסט מסתמא געהערט?

דבורה

געהערט, געהערט, ווי דען! מיין חנקה, זאָל געזונד זיין האָט מיר דעם מח פערדולט וועגען דעם... וועגען ארץ ישראל...

גיטעל

מיט פרייד

אייער חנקה איז אויך אַ ציוניסטין? בראַוואָ! איך וועל שרייבען מיין ברוכ'ן.

דבורה

דער חתן איהרער האָט איהר אָנגעשריבען אַ בריף, האָט זי איינגערעדט, ווייס איך, באַלבעט זי... איצט נייהט זי עפּעס אויס אַ פאָהן, אַ מין פּרוכת...

גיטעל

און אייער זלמן?

דבורה

גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד

וועגען זלמנ'ען פרעג נישט.

גיטעל

וואָסי? וואָס?

ר' משה

מען האָט איהם צוגענומען... היינטיגע צרות... געהראַלעו...

גיטעל

אָ! אָ! אָ! איך וועל זאָגען ווי מיין ברוך זאָגט, ס'איז אַ שרעק! וואָס, ווען? וואָס דאַרפען זיך יודען מישען אין דעם?

דבורה

משיח'ס צייטען!

גיטעל

אויף אייער זלמנ'ען וואָלט איך דאָס קיינמאָל נישט גע-

קלערט! איך וועל זאָגען ווי מיין ברוך זאָגט, מסתמא האָט איהם די חברה מיט געוואַלד אַריינגעשלעפּט! אַ שרעק! אַ שרעק!

עס געהט אריין חיים

חיים

מיט א שמייכעל

פון וואס נעהמט דיך אָן אַזאַ שרעק?

גיטעל

מיט כעס

אַז דו ביזט נישט קיין שרעקעדיגער איז דיר גוט! געה טאַנץ מיט זיין!

חיים

מיט וועמען?

גיטעל

מיט חברה פאַך! מיט די דעמאָקראַטען!

חיים

טאַנצען איז טאַנצען! פאַרוואָס נישט טאַנצען, אַז ס׳איז פרעהליך אויפ׳ן האַרצען? (לאַכט)

גיטעל

לאַך! לאַך! וועסט זיך דערלאַכען. איך וועל זאָגען ווי מיין ברוך זאָגט, פון אייך קומען אַלע צרות אויף יודען.

חיים

איך וועל אויך זאָגען ווי ברוך זאָגט: פון אייך קומט אַל דאָס גוטס אויף יודען.

גיטעל

אפשר נישט?

חיים

צנו, ווייז מיר די טובות, וואָס איהר האָט געטהון יודען!

גיטעל

וואָס אַרט דיך, גענוג געטהון! און אַז נישט אייער חברה, וואָלטען יודען שוין אפשר אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות...

ר׳ משה

אָבער געוועג וועט אייך שוין זיין! ווי ווערט אייך נישט מיאוס! ווי זיי קומען זיך צונויף, הויבען זיי זיך אָן רייסען!... (צו דבורה׳ן) איבערהויפט זי, (ער ווייזט אויף גיטלען) הויבט זי אָן דרע-הען אַ מח, געהט אונטער חלשות.

דבורה

און דו? דו האַלטסט נישט דערפון?

ר׳ משה

איך בין נאָך, אַדאַנק גאָט, ביי מיין זינען.

גיטעל

זאָרג נישט, טאַטע, ציוניסטען זענען נישט קיין משוגעים... קלוגער פאַר די דעמאָקראַטען! שענערע מענשען.

חיים

איראָניש

נישט קיין שוסטער און נישט קיין שניידער?

גיטעל

נישט קיין צולאָזענע יונגען!

ר׳ משה

איך וועל צווישען אייך מאַכען אַ פשרה: אי דו, אי דו-ציהר זייט ביידע משוגע.

חיים

ערנסט

הער, טאַטע, וואָס איך וועל ביי דיר פרעגען. זאָג מיר דעם אמת, ווי רעבּענסטו: זענען די דעמאָקראַטען אינגאַנצען אומגערעכט? זאָג!

ר' משה

קוקט אויף איהם אומעטיג

איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, חיים, איך האָב גערע־בּענט, אַז דו ביזט קלוגער.

חיים

ס'אָס איז אַנ'אַנדער זאַך. אָבער ענטפער מיר, וואָס איך פרעג ביי דיר. האַלטסט דו, אַז זיי זענען אומגערעכט?

ר' משה

ווער זיי? חנה—צירל דער גבּאי'טעס מיידעל? העסל דעם שוסטערס יונגעל אָדער מנחם דעם קוימענרייבּערס פועל?

חיים

און אַז אפילו זיי?... איך פרעג ביי דיר, זענען זיי אומ־גערעכט?

ר' משה

ווער זאָגט דיר אַז זיי זענען אומגערעכט? נאָר איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אַז עס וואָלט קומען צו דער זאַך, צו איבּערבּויען די גאַנצע וועלט, וואָלט איך זיך אויף די יונגלעך און מיידלעך נישט פערלאָזען, בשום אופן נישט! איך וואָלט זיך נישט פערלאָזען, נישט אויף זיי, נישט אויף דיר, און נישט אויף איהר. (ווייזט אויף גיטלען)

דבורה

אָט אַקוראַט דיזעלבּע ווערטער פלעג איך זאָגען מיין

זלמנ'ען. איז אָט הערט מיך די וואַנט—אַזוי האָט ער מיך גע-הערט.

גיטעל

איך דאַרף געהן... מוהמע, איהר ועט אפשר געהן צו מיר? איהר וועט אַ קוק טהון מיינע קינדערלעך...

דבורה

קום, קום! איך וועל אַ קוק טהון דיינע קינדערלעך!

גיטעל

אַ גוטען שבת.

ר' משה

אַ גוטען שבת, אַ גוט יאָהר.

חיים

אַ גוטען שבת! לשנה הבאה בירושלים.

גיטעל און דבורה געהען

ר' משה

ניין, מיין זוהן, זאָג וואָס דו ווילסט, נאָר איך האַלט נישט פון די היינטיגע געשעפטען. ס'איז נישט קיין מענשען, נישט קיין פיהרער... (פויזע) אָט, אַמאָליגע יאָהרען, מיט צוואַנ-ציג—דרייסיג יאָהר צוריק—אָט די דעמאָלדיגע—דאָס זענען גע-ווען מענשען... דאָס זענען געווען נישט קיין יונגלעך—דאָס זע-נען געווען העלדען, לייבען!... דו ביזט נאָך דעמאָלט נישט גע-בוירען געוואָרען—אָבער איך געדענק גוט יענע צייט! (הפסק) אָ! וואָס דעמאָלט האָט זיך אָבגעטהון!

חיים

מעגסט מיר גלויבען, איצט טהוט זיך אָב נישט ווענינער, אַ ביסעל שטילער, אָבער טיפער.

ר׳ משה

כּרא אדם! וואָס רעדסטו! האָט געגליכן! אַ משל! דעמאָלט! דעמאָלט... עס נעהמט דאָך אָן אַ פּחד, אַז מען דערמאָהנט זיך! פֿאַר די דעמאָלדיגע האָט דאָך די וועלט געציטערט, די גאַנצע וועלט. זיי זענען דאָך געווען אומעטום, און קיין שד האָט זיי נישט געקאָנט כאַפּען. בּיי זיי איז געווען מיליאַסען געלד, זיי האָבּען געהאַט זייערע גענעראַלען, זייערע מיניסטאָרען. זיי האָבּען געהאַט אונטער דער ערד היילען, גאַנצע היילען, צו וועלכע קיין שד האָט נישט געקאָנט צוקומען און דאָרט איז בּיי זיי געווען אַ בּית-דין, אַנ׳אמתער „סוד״, ווי געהעריג, מיט „זאַסעדאַניעס״, מיט אַדוואָקאַטען, מיט עדות—און איז נאָר וואו פֿאָרגעקומען אַנ׳עולה האָט מען גע׳משפּט, און אָבּגע׳משפּט—איז פֿערפֿאַלען, וועט שוין קיין טאָטער נישט העלפֿען, האָט שוין יענער געהאַט זיין פּסק! און אַז זיי האָבּען עמיצען געשיקט וואוהין-עס-איז, כאָטש אויפ׳ן טויט—איז מען געגאַנגען, אָהן דבּורים... דאָס פֿערשטעה איך. וואָס דאַרפסטו מעהר, יענע אַז זיי זענען אפילו געזעסען אין אָסטראָג, האָט מען פֿאַר זיי אויך געציטערט. מען דערצעהלט, אַז איינער פון די גרעסטע גענעראַלען האָט אַמאָל געוואָלט זעהן איינעם פון זיי, וואָס איז געזעסען אין אָסטראָג אין קייטען, איז ער געפֿאָהרען אין תּפיסה. און אַז ער איז צוגעגאַנגען צום חדר, וואו יענער איז געזעסען, איז ער געוואָרען בּלייך ווי די וואַנט, האָט הינטער׳ן טהיר אַראָבּגענומען די היטעל און איז אַריין צו יענעם אויף די שפּיץ פינגער... אָט וואָס דאָס זענען געווען פֿאַר אַ מין מענשען! קאָן מען זיי גלייכען צו היינטיגע?...

חיים

מיט אַ זיפֿץ

מענשען זענען זיי געווען גרויסע, דאָס איז נישטאָ וואָס צו ריידען. נאָר פֿונדעסטוועגען זאָג איך דיר, אַז היינטיגע שוסטער און שניידער זענען שטאַרקער פֿאַר זיי...

ר׳ משה

גיט א מאַך מיט׳ן האַנד

אָ!.. מיט דיר איז נישטאָ וואָס צו רעדען... נו, איך געה צו מנחה.

געהט אַרויס. חיים שטעהט א ווײלע פערטראַכט, נעהמט ארויס פון קעשענע א פּאַפּיר, לייענט, פערברענט. עס געהט אַרײַן גנענדל

גנענדל

מיט א טעלער אין האַנד

היימ׳קע, וואו איז דער טאַטע?

חיים

אין שוהל.

גנענדל

אַ חורבן איז מיר! פערשטעהסט אַ געשעפט? איך ווייס נישט אויף וואָס פּאַר אַ טעלער ביי מיר זענען געלעגען די בלינציקעס, אויף אַ מילכיגען, צי אויף אַ פליישיגען? וואָס זאָל איך איצט טהון? שדים ווייסען מיך, וואו איז מיין קאָפּ! איך האָב געוואָלט ביים טאַטען אַ שאלה פרעגען.

חיים

גיט, איך וועל אייך פּסק׳ענען...

גנענדל

גוט! גוט! רב׳על מיינער! יענע שטעדטעל האָט אָבגע-ברענט, וואו דו וועסט זיין אַ רב! וועסט פּסק׳ענען!.. און זאָג מיר וואָס געהסטו נישט אין שוהל?

חיים

לאַכט

וואָס האָב איך דאָרט פערגעסען?

גנענדל

לאַך, לאַך, שענע פּירה! וואַרט, אַז מען וועט דיר אויף יענער וועלט אָנהאָצקען... דאָרט מיט אייזערנע ריטער—ווּעסטו לאַכען! (שטעלט אויפ׳ן טיש די טעלער) מיין יאָסעלע האָט אויך פיינט צו דאַוונען, קאָן נישט „טשערפּען״. זיינע תפילאַנקעס זענען שוין ביים איהם, ביי דעם משומד׳ל, אודאי פערשימעלט געוואָרען

לאַכט

חיים

ער וועט היינט קומען צו אייך?

גנענדל

שדים וױיסען איהם, דעם ממזר׳ל. איך האָב איהם געלאָזען פון וואַרמעס אַ שטיק גאַנז און קוגעל. דאָרט ביי זיין שנייּדורע עסט ער מכות מיט ראַקעס... קומט ער נישט, דער שגץ. מוז אומלויפען מיט הברה איבער די גאַסען.

חיים

מיט וועלכער חברה?

גנענדל

מיט זיין חברה. וױיסט נישט? ער איז דאָך אַ מאַסאָוּוער יונגעל, זאָל איך אַזוי זעהן גליק!

חיים

ווער האָט אייך געזאָגט? (שמייכעלט)

גנענדל

וױיבער אין יאַטקע האָבען מיר געזאָגט. (זעצט זיך צום טיש) זאָג מיר, חיים׳קע, אַ מאַסאָוּוען יונגעל קומט גאָרנישט?

חיים

לאַכט

גאָרנישט! גאָרנישט!

גנענדל

איך האָב בײַ איהם געפֿרעגט, בײַ דעם שגצ׳ל, זאָגט ער אויך, אַז גאָרנישט. ער זאָגט, אַז אַ מאַסאָוועך יונגעל טאָר מען נישט טשעפּען. און מען טשעפּעט איהם טאַקי נישט. דריי מאָל האָט מען איהם געכאַפּט, און יעדען מאָל אויף מאָרגען אַרויס־געלאָזען.

חיים

נו, זעהט איהר?

גנענדל

אַ חיות, אויף מײַנע נאמנות! נו, און דו ביזט נישט קיין מאַסאָוועך יונגעל?

חיים

איך בין אויך אַ מאַסאָוועך יונגעל.

גנענדל

אַ שאָדען, אויף מײַן וואָרט, וואָס איך בין עלטער! וואָלט איך זײַן יונגער—וואָלט איך אויך ווערען אַ מאַסאָווע מיידעל! אַראָב פֿון מארק! איך וואָלט אויך אומגעהן איבער׳ן גאַס מיט אַ רויטער פֿעהנדל און זינגען... איך האָב געזעהן יענע וואָך ווי זיי זענען אומגעגאַנגען—אַ מחיה צו קוקען! איך האָב געקיכט פֿון געלעכטער! (נעהמט די טעלער) נו, און וואָס וועל איך געבען דעם טאַטען שלש סעודות?

עס געהט אריין יאָסל

יאָסל

פֿרעהליך

גוט שבת דיר, מאַמינקע! גוט שבת דיר, קרוינעלע!

גנענדל

פֿרעהליך

גוט שבת דיר, יאָסעלע! גוט שבת דיר, שגצ׳ל! אַ כוואַ־

ראָבּע דיר אין קעפּעלע! וואָס ביזטו אַזוי שפּעט געקומען, משומד׳ל?

יאָסל

איך בין געווען אין שוהל, מאַמינקע, געזאָגט תּהלים, קרוינעלע.

גנענדל

לייגסט ווי אַ הינטעלע, יאָסעלע, האָסט מסתּמא געוויכערט וואו אַ פּאַפּיראָסעלע, גוי׳עלע... איך האָב דיר געלאָזען פון וואַר-מעס קוגעל און אַ שטיק גאַנז!

יאָסל

געזונט זאָלסט דו מיר זיין! אַ גוטע מערכה זאָל איך פון דיר האָבען! און די בלינצעס אויך מיר?

(עפּט אַ בלינצע און עסט)

גנענדל

גנב׳ל! גנב׳ל! דאָס איז אויף שלש סעודות! טריפה בלינ-צעס, וועסט זיך דערווערגען!

יאָסל

ניש׳קשה! נישט דערוואָרגען זיך! נו, מאַמינקע, ברענג צו שלעפען די גענזל.

גנענדל

אַהער? אין זאַל? שניידורעצקע! קראַנק ביזטו געהן אין קיך עסען? וואָס ט׳זאָגען ר׳ משה!

יאָסל

נו, געה שטעל אויפ׳ן טיש, איך וועל באלד קומען.

גנענדל

סט׳באַלד קומען! איך וויים, גנב׳ל, ווילסט דערווייל מיט

דער שעהנער פּירה אַ פּאַפּיראָסעלע אויסרויכענען, געשווירען דיר אין די זייטעלעך! מען טאָר נישט רויכענען אום שבת.

יאָסל

ווייזט אויף חיים'ען

ער רויכערט.

גנענדל

וואָס קוקסטו אויף איהם? ער איז אַ בעל-הבית אַ קינד און דו ביזט אַ שניידורעצקע!

געהט ארויס

יאָסל

געאײַלט

חיים! מען האָט דעם לאַנגען צוגענומען...

חיים

שפּרינגט אויף

נו?!

יאָסל

די טיפּאָגראַפּיע איז גאַנץ! אפנים לכתחילה פון זיינעטוועגען זענען פון ווילנאָ געקומען שפּיאָנען, האָבען איהם דערקענט און אין מיטען גאַס צוגענומען...

חיים

און מירל?

יאָסל

זי איז גאַנץ... אָבער מען מוז שוין די קוואַרטיר אָבריי-ניגען... שדים ווייסען זיי, זיי קאָנען דערשמעקען פון וואַנען דער לאַנגער איז אַרויסגעקראָכען, דעמאָלט וועט אַלץ זיין פּער-פאַ׳ען...

חיים

קומ! מיר זאַלבעגאַנד װעלען צו ביסלעך אַבריינגען די קװאַרטיר. ביזט זיכער, אַז מען קאָן אַהין געהן!

יאָסל

דערװייל קאָן מען געהן, נאָר מען דאַרף זיך איילען. די בויטיגע זאַכען האָב איך אַרויסגעכאַפּט (ער בעװײזט אַ פּאַקעט) איך װעל דאָס אַװעקשלעפּען צו לעאָניד'ן. װאו לעגט מען דעם שריפט? װי איז בײַ דיר? דאַכט זיך אַרום שטוב פליהען אום די רוחות... האָסט נישט בעמערקט?

חיים

זיי פליהען אום שוין אַ פּאָר װאָכען... דערװייל איז נאָך גאָרנישט געװען... דערװייל, ביז אַנ'אַנדער קװאַרטיר, װעט מען מוזען אַהער ברענגען...

(ס'געהט אריין גנענדל)

גנענדל

נו, אָנגערויכענט זיך, שגצ'ל? געה עסען!

יאָסל

איך װעל בשום אופן נישט געהן! ברענג אַהער, מאַמינקע! און ברענג פון סקלעפּ אַנ'אוגעריק. אָהן אַנ'אוגעריק וויל איך ייזט עסען.

גנענדל

װי ער נעהמט זיך דאָס איבער, דער שניידורעצקע! משומד'ל!

געהט ארויס

יאָסל

נו, מאַך נישט קיין שהיות, געה! געה איבער די גערטנער. נהו אַן אַ קרילאַטקע... פערנעהם װאָס דו קאָנסט... געה פרי-

הער... און זעה, צי שלעפט זיך עמיצער נישט נאָך... איך וועל אין אַ ווײלע אַרום אַרויסגעהן...

חיים געהט אַרויס. עס געהט אַרײַן גנענדל מיט אַ טעלער

גנענדל

נו, אָט איז דיר אַלע מאַרצעפּאַנעס, עס!

יאָסל

כאַפּט פון טעלער די גאַנז און די אוגערקע, פערוויקעלט אין פּאַפּיר

איך נעהם מיט זיך, מאַמינקע! אַ גוטען שבת!

לויפט צום טהיר

גנענדל

נאָך איהם

וואוהין לויפסט דו, גנב׳ל?

יאָסל

הינטער׳ן טהיר

אין שוהל, צו מנחה!

גנענדל

לויפט איהם נאָך

וואַרט! שטעה! משומד׳ל! מען טאָר נישט טראָגען אום שבת! שטעה! יאָסעלע! איך וועל דיר געבען אַ שטיק קוגעל, גע-שווירעז דיר אין די זייטעלעך.

לויפט אַרויס. עס געהט אַרײַן ר׳ משה און גיטעל

ר׳ משה

...זאָלסט וויסען, מיין טאָכטער, איין זאך: כל זמן עס איז נישטאָ קיין היים, דאַרף זיין דער גלות אַ היים...

גיטעל

ניין, טאַטע! איך וועל זאָגען ווי ברוך זאָגט: אַ היים איז

נישט דאָרט, פון וואַנען מען טרייבט און וואו מען האָט דיך פיינט, ווי אַ שפּין. אַ היים איז דאָרט, פון וואַנען מען שטאַמט!

ר' משה

און אַהין לאָזט מען דיך? פון דאָרט טרייבט מען דיך נישט? הער, מיין טאָכטער, איך בין אַן אַלטער יוד, איך האָב אַ ביסעל מעהר פאַר דיר געזעהן אַ וועלט. מיין דעה איז אַזוי: אַז אַ בוים וואַקסט אויף אַ זאַמדיגען אָרט און מען וויל איהם איבערזעצען אויף אַ בעסערן אָרט, דאַרף מען פריהער געפינען דעם בעסערן אָרט און נישט איילען זיך אויסרייסען דעם בוים פון דעם זאַמדיגען אָרט. פערשטעהסט דעם משל? נישט גוט, נישט גוט יודען אין ראַסיי, נאָר פונדעסטוועגען לעבט מען און מען האָפט אויף בעסערס...

גיטעל

מען לעבט נישט און מען האָפט נישט. איך וועל זאָגען, ווי ברוך זאָגט...

ר' משה

מען לעבט און כל זמן עס איז נישטאָ קיין אַנדער אָרט, מוז מען לעבען! דער כח פון יודען איז שטענדיג געווען אין דעם, וואָס זיי האָבען געקאָנט לעבען אומעטום... אָט, דיין ברוך האָט דיך דאַכט זיך געלערנט לשון הקודש. נאַ, גיב אַ קוק (ער נעהמט פון טיש א ספר, עפענט און געפינט א בלאט) זעה! לייען. ויחי יעקב בארץ מצרים... וואָס איז דער טייטש דערפון?

גיטעל

דער טייטש: ויחי האָט געלעבט יעקב אין מצרים.

ר' משה

פערשטעהסט דעם פשט? האָט געלעבט יעקב אין מצרים. אין

מצרים—און געלעבט! היינט אין ראַסיי, דאַרף מען אודאי קאָנען לעבען.

געהט אַריין חיים מיט אַ פּאַקעט אונטער׳ן פּאָלע.

ר׳ משה

אָ! אָט איז חיים! חיים, ווי איז דער טייטש פון ויחי יעקב בארץ מצרים? אַנו, זאָג!

חיים

ויחי יעקב בארץ מצרים—איז יעקב אויסגעריסען געוואָרען אין מצרים!

גיטעל

כאַ! כאַ! גוט! געזונד זאָלסטו זיין, חיים׳קע! האָסט קיינמאָל אַזאַ שכל נישט געזאָגט!

עס לויפט אַריין גנענדל דערשראָקען

גנענדל

געוואַלד! יונים! זשאַנדאַרען! איך וועל נישט אויסהאַלטען!

עס געהט אַריין דער זשאַנדאַרמסקער מיט צוויי זשאַנדאַרמען

דער זשאַנדאַרמסקער

ווער איז דאָ חיים מאָווישעוו האַלצמאַן? איהר?

חיים

איך.

דער זשאַנדאַרמסקער

לויט דער פאָרשריפט פון אָכראַנער אָטדיעלעניע אַרעסטיר איך אייך.

חיים

אין וואָס בעשטעהט מיין זינד?

דער זשאַנדאַרמסקער

דאָס וועט מען אייך שוין נאָכדעם זאָגען. וואו איז אייער צימער?

חיים

דער דערבייאיגער.

ר׳ משה

רבונו של עולם! וואָס איז דאָס? חיים? דו? ביי דיר?

גיטעל

איך האָב געזאָגט!!

חיים

אויף יודיש

טאַטע זיי רוהיג, זיי רוהיג. (צו גנעגדלען) זאָגט אָן אייער בחור, אַז מען זוכט ביי מיר...

דער זשאַנדאַרמסקער

איך בעט אייך נישט צו רעדען אויף יודיש.

חיים

איך בערוהיג איהם.

דער זשאַנדאַרמסקער

איהר קאָנט בערוהיגען אויף רוסיש.

חיים

אויף רוסיש

פאָטער, זייט רוהיג, איך בעט אייך. (צו גנענדלען, אויף יודיש) זאָגט אייער בחור, אַז מען זוכט ביי מיר.

דער זשאַנדאַרמסקער

ווייטער?

חיים

איך שיק אַוועק די קעכין, זי פערשטעהט נישט אויף רו-סיש. (לעגט אַוועק אונבעמערקט אַ פּאַקעט מיט שריפט אויפ'ן טיש). אויב איהר ווילט זוכען, קומט צו מיר אין צימער און לאָזט צורוה דעם פאָטער.

1־טער זשאַנדאַרם

וואַשע בלאַגאָראָדיע! אַ פּאַקעט! אָט נאָר-וואָס האָט ער אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש.

דער זשאַנדאַרמסקער

נעהמט דעם פּאַקעט

וואָס איז דאָס?

חיים

קוקט איהם גלייך אין פּנים אריין

גיט אַ קוק—וועט איהר וויסען.

דער זשאַנדאַרמסקער

וויקעלט האַסטיג פונאַנדער

שריפטן! אַ-אַ! אַפּנים דאָ איז ביי אייך די טיפּאָגראַפיע

חיים

זוכט!

דער זשאַנדאַרמסקער

מיר וועלען שוין זוכען. קומט, איך בעט אייך, נאָך מיר. (געהט אַוועק אין צווייטען צימער מיט איין זשאַנדאַרם. ווענדענדיג זיך צום צווייטען זשאַנדאַרם) אַריינלאָזען—ווער עס וועט נאָר קומען, אַרויסלאָזען—קיינעם נישט.

ר' משה

שטעהט עטליכע סעקונדען ווי צודולט, מיט אַ האַלב אָפענעם מויל און קוקט

אויפ'ן צימער, וואוהין מען האָט אַנגעפיהרט חיימ'ען. גיטעל קוקט אין די פענסטער, גנענדל געהט שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער צו ר' משה'ן.

גנענדל

ר' משה... ר' משה...

ר' משה

האַ? וואָס?

גנענדל

איהר ווייסט וואָס מען דאַרף זאָגען?

ר' משה

האַ? וועמען? וואָס?

גנענדל

מען דאַרף זאָגען, אַז ער איז אַ מאַסאָוועך... זאָגט עס דעם פריץ! איהר הערט? אַ מאַסאָוועך.

ר' משה

וואָס מאַסאָוועך? וועמען מאַסאָוועך? וואָס ווילסטו?

גנענדל

זאָגט דעם פריץ, אַז חיים איז אַ מאַסאָוועך—וועט מען איהם אַרויסלאָזען... איך ווייס...

גיטעל

מיט כעס

לאָז צורוה! געה אין קיך.

עס געהט אַריין יאָסעל. קוקט זיך ארום.

גנענדל

יאָסעלע... מען זוכט!...

יאָסל

אַ-אַ... (ער וויל געהן צוריק, דער זשאַנדאַרם פערשטעלט איהם דעם וועג. יאָסל וואַרפט זיך דער מוטער אויפ'ן האַלז מיט געוויין) מאַמינקע, איך האָב מורא! (ער בעהאַלט געשווינד איהר אונטערין פאַרטוך אַ פּאַקעט. שטיל) האַלט'ן בעהאַלט! שווייג!

גנענדל

פּוואָראָבע דיר אין קעפּעל!

(פאַלט צו אונבעמערקט דעם פּאַקעט. עס געהט אריין דער זשאַנדאַרמסקע)

דער זשאַנדאַרמסקער

צו ר' משה'ן

איהר זייט משה האָלצמאַן?

ר' משה

יאָ...

דער זשאַנדאַרמסקער

און ווער זענען די?

גיטעל

איך בין זיינע אַ טאָכטער.

דער זשאַנדאַרמסקער

און ווער זענען די?

גיטעל

אונזער קעכין און איהר זוהן.

דער זשאַנדאַרמסקער

קוקט זיך שטאַרק צו צו יאָסלען

דיך האָב איך, דאַכט זיך, געזעהן.

יזַכל

װאָס דבר׳ט ער? איך פערשטעה נישט.

גיטעל

ער פערשטעהט נישט אויף רוסיש.

דער זשאַנדאַרמסקער

ער פערשטעהט נישט? צי פערשטעהט ער אָקאָרשט נישט צופּיל? (צום זשאַנדאַרם) אַרומזוכען איהם!

דער זשאַנדאַרם זוכט אַרום און שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ פּאַקעט

דער זשאַנדאַרם

צַט, װאַשע װיסאָקאָראָדיע.

דער זשאַנדאַרמסקער

װיקעלט פונאַנדער

װאָס איז דאָס? גאַנז, אַנ׳אוגעריק? שוטה! (גיט אַ װאָרף. צום זשאַנדאַרם) פיהר איהם אָב אין צװײטען חדר און לאָז איהם נישט אָב. (דער זשאַנדאַרם פיהרט אַװעק יאָסלען. צו גיטלען און גנענדלען) איהר קאָנט ־עהן. (זיי געהען)

גנענדל

שטעהט ביים טהיר און רעדט צו ר׳ משה׳ן

איהר הערט? טענה׳ט איין זאַך—אַ מאַסאָװער.

געהט אַרויס

דער זשאַנדאַרמסקער

אַט איז אייער יודישע ערציהונג! איהר קאָנט זיך פרע־הען. איהר האָט געזעהן, װאָס מיר האָבען געפונען ביי אייער זוהן? איהר װייסט װאָס דאָס איז? דאָס איז שריפט! שריפט, מיט װעלכע מען דרוקט די פּראָקלאַמאַציעס און פערשידענע פערבאָטענע ביכלעך געגען דעם קיסר אַליין! איהר פערשטעהט? איהר װייסט

אַלטער מאַן, מיט וואָס דאָס שמעקט? ד-אָ-ס שמעקט מיט קאַ-טאָר-גע! מיט קאַ-טאָר-גע!

ר׳ משה

פריצ׳ל! וואַשע בלאַגאָראָדיע! האָט רחמנות, ער איז נישט שולדיג!...

דער זשאַנדאַרמסקער

נישט שולדיג? ווען ער וואָלט נישט געווען שולדיג, וואָלט ער אַנדערש גערעדט... איך האָב געמיינט, אַז ביי אייך אין שטוב איז די טיפּאָגראַפיע—זי איז דאָ נישטאָ.

ר׳ משה

נישטאָ, פריצ׳ל, נישטאָ.

דער זשאַנדאַרמסקער

נישטאָ! וואו איז זי? שוין אַ יאָהר צייט, ווי מיר זוכען זי. וואו איז זי? אייער זוהן ווייסט, ער האָט פון דאָרט געבראַכט די שריפט. ער ווייסט און וויל נישט אויסזאָגען. און איהר זאָגט נאָך—ער איז נישט שולדיג! (געהט אום איבער׳ן צימער) הערט, איהר ווילט ראַטעווען אייער זוהן!

ר׳ משה

האָט רחמנות, פריצ׳ל.

דער זשאַנדאַרמסקער

זייט ביי איהם פועל ער זאָל בעווייזען וואו איז די טיפּאָגראַפיע, ביי וועמען ער האָט גענומען די שריפט. איהר זייט זיין פאָטער, איהר זייט דאָס מחויב צו טהון. דאָס איז אייער חוב געגען דעם קיסר. איהר פערשטעהט?

ר׳ משה

איך פערשטעה.

ער זי

דער זשאַנדאַרמסקער

(ווײַלער)

זעצט זיך. איהר אַלע קוקט אויף אונז, ווי אויף גזלנים. מיר זענען נישט קיין גזלנים. איך האָב אויך אַ האַרץ. איהר מיינט, איך האָב נישט קיין רחמנות אויף אייך? מיר טהוט וועה דאָס האַרץ אויף אייך קוקענדיג!... איך בין אויך אַ טאַטע פון קינדער.

ר' משה

האָט רחמנות!

דער זשאַנדאַרמסקער

איך... איך בין גרייט צו העלפען אייך. אייער זוהן איז ביז איצט אין קיין זאַך נישט געוועזען פערמישט. אין צימער האָבען מיר ביי איהם גאָרנישט געפונען. נאָר די שריפט, וועלכע ער האָט אָט ערשט געבראַכט. איהר פערשטעהט, ווען נישט די שריפט, איז געגען איהם קיין זאַך נישטאָ. זאָל ער נאָר זאָגען, וואו ער האָט גענומען די שריפט—און איך גיב אייך, זיידע, מיין עהרנוואָרט—איך לאָז איהם באַלד אָב. עס טהוט מיר אַליין וועה דאָס האַרץ. פאַרוואָס זאָל ער ליידען פאַר פרעמדע זינד? איהר פערשטעהט?

ר' משה

(נידערגעשלאָגען)

איך פערשטעה.

דער זשאַנדאַרמסקי

טאָ רעדט זיך מיט איהם דורך, רעדט מיט איהם ווי אַ פאָטער. גיט איהם צו פערשטעהן, ער זאָל נישט קוילען נישט זיך, נישט אייך. אויב איהר וועט איהם איינרעדען, ער זאָל זיך ...—געדענקט מיין הבטחה—איך בעפריי איהם תיכף ומיד;

זו״ן נישט—וועט ער בעקומען קאַטאָרגע, און אפשר נאָך עטוואָס ערגערס! נו, איך פערלאָז זיך אויף אייך! איך לאָז אייך דאָ ביידע אַליין. (אין טהיר צו חיימ'ען) זייט אַזוי גוט, קומט אַהער! (חיים קומט אריין) אָט, אייער פאָטער, אַנ'אַלטער מאַן, אַ דערשלאָגענער פון צער וויל מיט אייך זיך דורכריידען. הערט זיך נאָר צו צו זיינע רייד. איך לאָז אייך דאָ איבער. (צום זשאַנדאַרם אין טהיר) גוט אַכטונג געבען!

ר' געהט אוועק צו חיימ'ען אין צימער

ר' משה

זיצט עטליכע מינוט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אויף חיימ'ען.

אַ? חיים?... אָט דאָס איז מיר דיין מתנה אויף מיינע עלטערע יאָהרען? (וויינט) גוט וואָס... די מאַמע האָט נישט... דערלעבט... דערצו... (פויזע. קומט צו זיך) וואָס וועט דיר דערפאַר זיין? זאָג דעם אמת...

חיים

כ'קען קאָן נישט וויסען.

ר' משה

קאַטאָרזשנע ראַבאָטעס?

חיים

בשום אופן נישט... דאָס האָט ער דיך אָנגעשראָקען...

ר' משה

וואָס דען?

ער קוקט אויף איהם

חיים

עטליכע חדשים אָסטראָג... און נאָכדעם אפשר... אויף אַ פּאָר יאָהר אַרויסשיקען.

ר' משה

הער... ער האָט מיר געהייסען מיט דיר רעדען... ער זאָגט, אַז ער וועט דיך אַרויסלאָזען פריי, אויב דו וועסט... אויב דו וועסט זאָגען, ביי וועמען דו האָסט גענומען די אותיות...

א טיפען זיפץ

חיים

ער האָט דאָס מיר אויך געזאָגט.

ר' משה

נו?

א זיפץ

חיים

טאַטע...

ר' משה

וואָס?

חיים

דו פערשטעהסט וואָס ער וויל? (פויזע) ער וויל איך זאָל ווערען אַ מוסר... דו... דו... ווילסט האָבען אַ זוהן אַ מוסר?

א לאנגע פויזע

ר' משה

ויצט מיט אנ'אראָבגעלאָזענעם קאָפּ, הויבט זיך אויף, מאַכט א פּאָר טריט צו א שכור, גיט א קוק אויף חיים'ען... הילכיג

חיים... מיין זוהן... אין אונזער משפחה זענען קיינמאָל נישט געווען... קיין מוסרים... און (שטייף) וועלען נישט זיין!!

(פאָרהאַנג)

אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה

אַ קאָמעדיע אין צוויי אַקטען

פערזאָנען

טאָלין, ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש—ליטעראַט

קרושקאָוו, סערגיי יאַקאָוולעוויטש—זיין חבר

סטעפאַנאָוו, פיאָדאָר פעטראָוויטש—אייגענטימער פון אַ מילך־קראָם

אננאַ, ניקאָלאַיעוונאַ—זיין פרוי.

מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ—די ווירטין פון טאָלינס דירה.

פאָליציי-מייסטער.

פירסאָוו, פריסטאַוו

קאָליוואַנאָוו—עלטערער פאָליציאַנט

גלאַזקאָוו—זשאַנדאַרמען־אַגענט

פעדיושין—געהיים־אַגענט

פאָליציי, זשאַנדאַרמען.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ פראָווינציעלער אוניווערזיטעט־שטאָדט

ערשטער אקט.

א גרויסע שטוב—טאַלינס וואוינונג. אין הינטערגרונד—אַנ׳איינגאַנגס־טהיר, דערנעבען א פענסטער, אינצווישען—א שאַפע. רעכטס—אַ טהיר אין מארפא איוואַנאָווגאַ׳ס צימער. ווייטער צו—אַנ׳אויווען. בײַ דער רעכטער וואַנט—א דיוואַן. איבער׳ן דיוואַן א פאָליצע מיט ביכער. אויף דער פּאָדלאָגע פלעג־לעך פון מילך. א טיש, שטוהלען. אינ׳ם צימער איז א גרויסער אונאָרדנונג: אָנגעוואָרפענע מלבושים, אַנ׳אָפענער טשעמאָדאַן, אויפ׳ן טיש נישט אויפגע־רוימטע כלים. אָוועגד. טאַלין שטעהט בײַם טיש, נעהמט ארויס פון שופלאַד בריף, קוקט זיי שנעל דורך, צורייסט און ווארפט זיי אין אויוועןֿ.

טאַלין

אַליין. ווארפט אין אויווען דעם לעצטען בריף. אָטעמט לייכטער אָב.

הייסט עס, מכח דעם קאָן איך שוין זיין רוהיג,—עס איז קיין שפור נישט איבערגעבליבען... נאָר מיט די ביכער ווייס איך גאָרנישט וואָס צו טהון? נעהמען זיי מיט זיך—איז אונ־מעגליך. דאָ איבערלאָזען—און טאָמער—דער טייוועל ווייסט זיי!—וועלען זיי דערשמעקען און וועלען נאָך מיין אָבפאָהרען קומען מאַכען אַ רעוויזיע!.. (געהט צו צו דער שאַפע, רוקט זי אָב, עפענט אויף די הינטערשטע ווענטל, וואו עס איז דאָ א געהיימע אָבטיילונג מיט ביכער)

דאָ איז פאַרהאַן אַנ׳ערך פון אָנדערטהאַלבען פוד—וואו זאָל איך עס איצט אַהינטהון? (פערמאַכט דאָס טהירעל) און אפשר גאָר היינט נישט פאָהרען און ביינאַכט איבערטראָגען די ביכער צו מיכאַי־לאָוו׳ן? (א מאַך טהוענדיג מיט דער האַנד) ניין, דאָס איז אונמעגליך! מ׳וועט זיכער קומען פון פאָליציי געוואויר ווערען, צי איך בין אָבגעפאָהרען. און ווער ווייסט, צי מ׳שפּיאָנירט שוין נישט אויס די וואוינונג. (פויזע) כ׳וואָלט זעהר נישט געוואָלט איבערשרעקען סטעפּאַנאָוו׳ן—אָבער ס׳איז פערפאַלען—כ׳וועל איהם מוזען זאָגען, ער זאָל ביינאַכט צונעהמען די ליטעראַטור. (געהט צו צו דער טהיר) מארפא איוואַנאָוונאַ!

(מאַרפא איוואַנאָוונא קומט אריין)

מאַרפא איוו.

רייבענדיג די הענד

וואָס איז? (קוקט זיך ארום) אָט האָסטו דיר! הייסט עס, אַז דו פאָהרסט אויף אַנ׳אמת נאָך היינט?

טאַלין

יאָ, מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ, כ׳מוז פאָהרען. נישטאָ קיין ברירה.

מאַרפא איוו.

וואוהין זשע? צו טאַטע-מאַמע צו גאַסט?

טאַלין

ניין, ליבינקע, כ׳פאָהר אין דינסט-אָנגעלעגענהייטען,

מאַרפא איוו.

נו, פאָהר-זשע, פאָהר! ווי זאָגט מען עס: דינסט איז דיר קיין שפּילכעלעך. און ווען קומסטו צוריק?

טאַלין

כ׳ווייס נאָך אַליין נישט... דוכט זיך, אַז אינגיכען...

מאַרפֿאַ איוו.

נו, איז גוט...

טאַלין

הער-זשע, מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ; איך האָב דיך געוואָלט בעטען זאָלסט אַראָבגעהן אין קלייטעל, פון וואַנען מ'ברענגט מיר מילך, צו סטעפּאַנאָוו'ן, קענסט איהם? זאָלסט אַריינגעהן און איהם זאָגען: „ניקאָלאַי מיכאַילִיטש, זאָלסטו זאָגען, פאָהרט היינט אַוועק אין דינסט-אָנגעלעגענהייטען, זאָל מען איהם, אונבעדינגט, באַלד צושטעלען אַ רעכנונג"... זיי זענען אָרימע מענשען, מ'דאַרף זיי באַלד בעצאָהלען...

מאַרפֿאַ איוו.

איז וואָס, אַז אָרימע! זיי וועלען צו-וואַרטען ביז דו וועסט קומען, וועסט זייערס נישט צונעהמען!

טאַלין

ניין, ניין! געה אַראָב צו זיי! און פערגעס נישט צו זאָ-גען, ווי איך הייס דיך: „ניקאָלאַי מיכאַילִיטש, זאָלסטו זאָגען, פאָהרט היינט אַוועק אין דינסט-אָנגעלעגענהייטען אוז הייסט אונ-בעדינגט ברענגען אַ רעכנונג".

מאַרפֿאַ איוו.

מילא, געה איך, ס'איז נישט אַזוי ווייט. (געהט צו דער טהיר, בלייבט שטעהן) כ'האָב גאָר פערגעסען! מ'איז פריהער געווען זיך פרעגען אויף דיר...

טאַלין

לעבהאַפט

ווער?

מאַרפֿאַ איוו.

ווער ווייסט איהם דאָרט. מסתּמא פון דיינע קאָלעגעס. און

אפשר וועד אַנדערש. פריהער האָט ער זיך געפרעגט צי ס׳איז נישטאָ קיין צימער צו פערדינגען. האָב איך איהם געזאָגט: מיין קוואַרטיראַנט, זאָג איך, פאָהרט היינט אַוועק, אָבער די וואוינונג לאָזט ער זיך איבער. און ווער, זאָגט ער, איז דיין קוואַרטיראַנט? האָב איך איהם געזאָגט ווער. און ער איז איצט, פרעגט ער, אינדערהיים? ניין, זאָג איך, ער איז אַוועקגעגאַנגען, ער וועט באַלד קומען. הכלל, ער האָט נאָך אַ ביסעל גערעדט, זיך אויסגעפרעגט, דאָס, יענץ, געדרעהט זיך אַהין, געדרעהט זיך אַהער און איז אַוועקגעגאַנגען.

טאַלין

אוֹן ווי אַזוי זעהט ער אויס?

מאַרפאַ איוו.

עפּעס אַזוי זיך, אין אַ פידזשאַק. אַ שרייבער, צי אַ סקו-דענט. זעהט אויס נישט פון די רייכע.

טאַלין

אַזוי-וי!... אַלזאָ, וואָס-זשע בלייבט וועגען דעם מילך-הענדלער, מיין ליבינקע? געה-זשע שוין אַראָב!

מאַרפאַ איוו.

מילא, כ׳געה. ס׳איז דאָך נישט אַזוי ווייט.

געהט ארויס

טאַלין

אליין

אָט האָסטו דיר! מ׳שפּיאָנירט שוין, הייסט עס, נאָך. דאָס איז בעשטימט געווען אַ שפּיאָן. די פּשוט׳סטע, ווי מ׳זאָגט, קלאַ-סישסטע טאַקטיק—פרעגען זיך אויף אַ וואוינונג... אַך, צום טייוועל, איצט וועט שוין שווער זיין אַרויסצוטראָגען די ליטעראַ-טור! וואָס טהוט מען איצט? שוין-זשע פערניכטען אַלע ביכער?

ס׳קומט אריין קרוזשקאָוו מיט אַ טשעמאָדאַן.

קרוזשקאָוו

אַריינקומענדיג, פאַרמאַכט הינטער זיך פּעסט די טהיר, קוקט זיך שנעל אַרום און שטעלט אַוועק דעם טשעמאָדאַן אויף דער פּאָדלאָגע

ניקאלאַי׳

טאַלין

פריהער דערשראָקען, וואַרפט זיך צו איהם

סערגיי! דו! פון וואַנען, ווי אַזוי?

נעהמט איהם הייס אַרום

קרוזשקאָוו

נו, שלום עליכם! געזונד, גאַנץ, הייסט עס?

טאַלין

אַזוי אומגעריכט! ווי אַזוי? ווען ביזטו געקומען?

קרוזשקאָוו

וואָס פאַר אַ שאלות? כ׳האָב גענומען און געקומען צו־פאָהרען. מ׳קאָן דאָך נישט אייביג אַרומהוליען אין פּאַריז און אין זשענעווו! שוין צייט אַ ביסעל ערנסטער זיין.

טאַלין

אַזוי!...

קרוזשקאָוו

כ׳בין נישט געקומען לעדיג. מיט עפּעס אַ שליחות און נאָך ענינים... אויב ס׳וועט זיך איינגעבען אַדורכצופיהרען און אַלץ צו ערלעדיגען, וועט גוט זיין!... (עפענט דעם טשעמאָדאַן) כ׳האָב גראָד געבּרענגט בלויז ביידע זאַכען אונזערע, האָסט זיי נאָך גע־וויס נישט געזעהן?

נעהמט אַרויס ביכלעך

טאַלין

ווייז, ווייז; ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס עס איז? ווער נישט אַמאָל עפּעס צונויף קומען אויף פאַר אונז? (קוקט דורך) וואָס איז דאָס? ווידער אַמאָל פּאָלעמיק?

קרוזשקאוו

גראָבער קאָפּ, אָט וואָס כ'קאָן דיר זאָגען! ווי קומסטו צו פערשטעהן אַזעלכע טיפע זאַכען? אָט, ווען דו וואָלסט אַ צייט געלעבט אין אונזערע אויסלענדישע קאָלאָניעס—דאַן וואָלסטו ערשט פערשטאַנען.

טאַלין

וואָס וואָלט איך פערשטאַנען?

קרוזשקאָוו

אַ פּשוט'ען אמת, (מיט א גראָבען באַס) אַז די צווישען-פראַקציאָנערע אַרומרייסעניש און פּאָלעמיקעס זענען דאָס בעסטע מיטעל אויף צו שטירצען די זעלבסטהערשונג און דער ערשטער שטאַפּעל אויף איינצופיהרען די מענשליכע פערברידערונג אויף דער וועלט. איהר, אַזיאַטען, קאָנט דאָס נישט פערשטעהן!...

טאַלין

אומעטיגליך

כ'פערשטעה נישט...

קרוזשקאָוו

אָט נעהם לעז דורך, לערן זיך.

טאַלין

נישטאָ קיין צייט, ברודער, צו לערנען זיך... וואָס נאָך האָסטו מיטגעבראַכט? אויסער פּאָלעמיק איז נאָך עפּעס פאַראַן?

קרושקאָוו

ס'איז דאָ, ס'איז דאָ, אַלץ צו ביסלעך. (פּויזע) נאָר, אָט וואָס, ברודער—וועגען דעם אַלעם וועלען מיר דערנאָך שמועסען; און דערווייל גיב מיר עפּעס צו עסען. כ'בין הונגעריג ווי אַ הונד.

טאַלין

וואָס-זשע האָסטו געשוויגען? (געהט צו צו דער טהיר) אַך, זי איז אַוועקגעגאַנגען! די בעל-הבית'טע איז נישטאָ. (קוקט אויפ'ן טיש) איבריגענס, אָט איז אַ הערינג, געראויכערט פליש, ברויט—עס דערווייל.

קרושקאָוו

וואָס דאַרף מען דען מעהר? (עסט)

טאַלין

ווען ביזטו געקומען?

קרושקאָוו

כ'בין נאָך געקומען אַרום צוועלף און האָב זיך די גאַנ-צע צייט אַרומגעשלעפּט. אין אַ האָטעל אַריין געהן האָב איך נישט געוואָלט. באַלד אַליין אַריינשטופּען זיך—ווייסט דאָך... כאָטש אַ פּאַספּאָרט האָב איך, אָבער נישט אינגאַנצען כשר. כ'האָב די גאַנצע צייט געזוכט אַנ'אייגענעם און האָב אָנגעטראָ-פען אויף דיר. (קוקט זיך אַרום) וואָס איז עס עפּעס ביי דיר אַזאַ אונאָרדנונג,—פּונקט ווי ערשט נאָך אַ רעוויזיע.

בייסט עפּעס צו.

טאַלין

פלוידער נישט, פלוידער נישט,—וועסט נאָך אַרויסרעדען נישט אין קיין גוטער שעה!

קרושקאָוו

ריכסט זיך דען אויף עפּעס?

טאַלין

נאָך מעהר ווי געריכט זיך. עס איז מיט מיר, ברודער, אַ גאַנצע מעשה געשעהן: מ׳שיקט מיך אַרויס אין משך פון פיר־אונצוואַנציג שעה פון שטאָדט און איך מוז שוין פאָהרען.

קרושקאָוו

נו־ו! און די וואוינונג אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איז?

טאַלין

אין זעהר אַ מיאוסען; מ׳שפּיאָנירט שוין דאָ נאָך. איך בין כמעט זיכער, אַז גלייך ווי כ׳וועל אַוועקפאָהרען, וועט מען דאָ קומען מאַכען אַ רעוויזיע.

קרושקאָוו

אָט האָסטו דיר! פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

טאַלין

אָט, מיט אַ דריי שעה צוריק איז דאָ געווען עפּעס אַ סוביעקט, האָט זיך געפרעגט די בעל־הבית׳טע, צי ס׳איז ניט׳טאָ דאָ קיין צימער צו פערדינגען? האָט זיך אויסגעפרעגט, צי כ׳בין דאָ אינדערהיים...

קרושקאָוו

כאַ־כאַ־כאַ! דאָס בין איך דאָך דאָ געווען! אויך אַנ׳איינפאַל פון דיין זייט!

טאַלין

דו? אַזאַ מעשה גאָר! (לאַכט)

קריזשקאָוו

כ'האָב דאָך געמוזט געוואויר ווערען, וואָס מיט דיר איז, צי דו ביזט אין אָרדנונג און צי דיין דירה איז אין אָרדנונג?... דיין אַלטיטשקע איז גאָר אַ וואוילע. כ'האָב מיט איהר זיך אויס-געשמועסט (פּערטראַכטענדיג זיך) אַלענפאַלס איז פאַר מיר קיין אָרט נישט ביי דיר. וואוהין-זשע געהט מען?

טאַלין

געה אַריין צו מיכאַילאָוו'ן! ער איז קראַנק, ער ליגט שוין דעם פערטען חודש און איז אינגאַנצען אַראָב פון דער אַרענע. זיין וואוינונג איז איצט די זיכערסטע. ווייסט וואו ער וואוינט?

קרוזשקאָוו

כ'ווייס. יאָ, האָסט דאָך מיר נאָך נישט געזאָגט, פאַרוואָס מען שיקט דיך אַרויס?

טאַלין

(פּערטראַכט)

פרעג בעסער נישט! כ'האָב זיך בענאַרישט, ווי אַ יונגעל. מיט דריי טעג צוריק איז געווען אַ סטודענטישער אָווענד. האָט עס מיך אויך פערטראָגען דאָרט אַהין. נו, מען האָט דאָרט גע-שמועסט, דיסקוסירט, דערנאָך זענען געווען רעדעס. הכלל, אין פערלויף פון אַ גאַנצער שעה האָט איינער, אַ דיקער פּראָפעסאָר — אַ ליבעראַל, זיך צוגאָסען ווי בוימאייל: פּראָגרעס, ציוויליזאַציע, קולטור, פרידליכע ערָאָבערונג פון דער וויסענשאַפט א. אַ. וו. אונזערע סטודענטען האָבען איהם כסדר איבערגעריסען, דערנאָך זענען זיי צוגעשטאַנען איך זאָל אונבעדינגט זאָגען עטליכע ווערטער. נו, נאַטירליך, וואָס האָב איך געזאָלט זאָגען, פער-שטעהסט דאָך! הכלל, עס האָט זיך געענדיגט מיט רעוואָלוציאָ-נערע לידער, טאָסטען, אויסרופען: זאָל לעבען די רעוואָלוציע! קיין שפּיאָנען, זענען ווייזט אויס, נישט געווען, אַלענפאַלס, האָ-בען זיי קיינעם נישט געטשעפּעט. נאָר וועגען מיין רעדע האָט

ווער, וואַרשיינליך, אויסגע-וידערט און אָט האָב איך גענכטען ביינאַכט בעקומען אַ בעפעהל אין פערלויף פון פיראונצוואַנציג שעה זיך אָבצוטראָגען פון שטאָדט. כ׳פאָהר דערווייל צו מאַריע פעטראָוונע׳ן אין אָזערניצע.

קרוזשקאָוו

אונ די וואוינונג איז, נאַטירליך, אין אָרדנונג, אויפגע-רוימט?

טאַלין

דאָס איז דאָך די צרה, וואָס נישט. כ׳האָב דאָ ביי מיר אַ היבש ביסעל ליטעראַטור און כ׳ווייס נישט, וואו מען טהוט עס אַהין. מ׳מוז עס דורכאויס צונעהמען פון דאַנען.

קרוזשקאָוו

יאָ... (פויזע) ווייסטו וואָס: איך געה גלייך אַהין צו מי-כאַילאָוו׳ן, וועל זיך דאָרט איינאָרדנען, אויב מ׳קאָן, וועל דאָרט איבערלאָזען די ביכלעך און וועל דאָ אַהער צוריקקומען.

טאַלין

איך וועל דאָך שוין דאָ נישט זיין—איך מוז שוין פאָהרען.

קרוזשקאָוו

דאָס מאַכט נישט, דיין אַלטיטשקער איז לייכט צו פער-דרעהען אַ קאָפּ. אויסצוטרינקען, האָט זי, ווייזט אויס, ליב. ווע-לען מיר טאַקי פון דעם אָנהויבען. כ׳וועל זי שיקען נאָך אַ פלע-שעל בראָנפען און דורך דער צייט וועל איך צונעהמען די בי-כער צו מיר אין טשעמאָדאַן. עס איז אַ סך דאָ?

טאַלין

אַנ׳אָנדערטהאַלבען פוד.

עפענט די געהיימע טהיר אין דער שאפע

קרוזשקאָוו

נישׁ'קשה, ס'וועט אַריין אין טשעמאָדאַן. פונדעסטוועגען איינגאַנצען פערלאָזען זיך אויף מיר, דאַרפסטו נישט. ווער ווייס, ווי אַזוי איך וועל זיך דאָרט ביי מיכאַילאָוו'ן איינאָרדנען. און אויסערדעם קאָן זיך נאָך מיט מיר פּערשידענס טרעפען. ווייסט דאָך—אונזער איינער טראַכט און דער זשאַנדאַרם לאַכט...

טאַלין

איך האָב נאָך אַ קאָמבינאַציע. עס וועט דאָ אַהערקומען אַ מענש—דו קעהרסט איהם קענען: אַננאַ ניקאָלאַיעווּנאַ'ס מאַן

קרוזשקאָוו

פּערזענליך קען איך איהם נישט, נאָר כ'האָב פיל געהערט וועגען איהם.

טאַלין

אַלזאָ, וועט ער, אפשר צונעהמען. נאָר כ'ווייס נישט, איהם וועט עס, אפשר, נישט אָנגענעהם זיין, ער איז אין אַ בעזונדערער לאַגע.

קרוזשקאָוו

נו, מילא: אויב נישט איך, איז ער. איינער פון אונז וועט מוזען צונעהמען. און איצט דאַרף מען געהן. נו, (נעהמען זיך אַרום) כ'האָף צום ווידערזעהן זיך אין גיכען.

טאַלין

הלואי! (דריקט איהם די האַנד) מיר האָבען אפילו נישט בעוויזען דורכצושמועסען זיך!

קרוזשקאָוו

די אַרבייט רופט, ברודער!

טאַלין

יאָ, די פליכט!

קרוזשקאָוו

נו, זיי געזונד! שרייב אָן עטליכע ווערטער צו מיכאַי-לאָוו׳ן. איך וועל דיר אָבשרייבען. דער שיפר-שליסעל איז אין אָרדנונג?

טאַלין

אין אָרדנונג.

נעהמען זיך פעסט ארום, קרוזשקאָוו געהט ארויס.

טאַלין

ווארפט אין אויפרעגונג האַסטיג אוועק דעם פּאַפּיראָס

אַזוי איז ס׳לעבען! פינף יאָהר זיך נישט געזעהען, דער ליבסטער פריינד, שול-חבר! (ערגערט זיך) כ׳האָב איהם אפילו נישט געפרעגט, צי ער איז געזונד, וואָס מאַכען זיין פרוי און קינ-דער! און מאָרגען קאָן איך זיך נאָך דערוויסען, אַז ער איז אין טורמע. און טאָמער פאַלט ער אַריין, געהט ער גלייך אין יאַ-קוטסק... (שפּרייזט אויפגערעגט איבער׳ן צימער) ניין, דאָ איז נישטאָ קיין צייט צו פערנעהמען זיך מיט אַזעלכע סענטימענטען! דאָ רופט די אַרבייט!...

מארפא איוואנאָוונא קומט אריין, נאָך איהר סטעפאנאָוו.

מאַרפאַ איוו.

אָט האָב איך דעם מילך-הענדלער מיטגעבראַכט! בערע-כענט זיך מיט איהם.

סטעפ.

אראָבנעהמענדיג ס׳היטעל, ביי דער טהיר

גוטען אָוועגד, בארין! איהר פאָהרט אָב?

טאַלין

יאָ, ליבענקער. אַ רעכנונג געבראַכט?

סטעפּ.

געבראַכט, באַרין!

טאַלין

מאַרפאַ איוואַנאָווגאַ... (שטאַמלענדיג) וועסט אפשר... מוטערל, מיר דעם סאַמאָוואַר שטעלען. כ'וואָלט עפּעס געטרונקען פאַר'ן פאָהרען!

מאַרפאַ איוו.

דערפאַר זאָרג זיך נישט, דער סאַמאָוואַר איז פאַרטיג. כ'האָב שוין אפילו טיי אויך פערבריהט. כ'וועל באַלד דערלאַנגען. בערעכען זיך נאָר מיט איהם, ווי ס'געהער צו זיין

טאַלין

איך וועל זיך שוין בערעכענען, פערלאָז זיך אויף מיר, זיי רוהיג!

מאַרפאַ איוו.

יאָ, זיי רוהיג! מיטוואָך און שבת האָט ער אינגאַנצען קיין מילך נישט געבראַכט. פאַר דעם, וואָס ער האָט נישט געבראַכט, זאָלסטו נישט רעכענען...

סטעפּ.

וואָס רעדסטו עפּעס, מוטערל, אַזעלכע ווערטער? וואָס בין איך דען אַ גנב, צי וואָס? איך האָב נאָך אין מיין גאַנצען לעבען קיינעם אויף קיין איינציגער פּרוטה נישט בעשווינדעלט. איך האָב, ניש'קשה, ביי יעדען אַ גוטען נאָמען.

מאַרפאַ איוו.

אַ גוטען נאָמען! און מאַטריאַנקע האָט מיר אַנומעלט

דערצעהלט, אַז איהר האָט זי בעריסען אויף אַ גילדען, אָט וואָס!

סטעפּ.

טפוי! פגר'ן זאָל זי, דיין מאַטריאָנקע! זי איז אַליין אַ גנב'טע, אָט וואָס!

טאַלין

נו, געצוג שוין, געצוג. דו זאָגסט, אַז מיטוואָך און שבת איז קיין מילך נישט געווען? גוט, כ'וועל געדענקען.

מאַרפאַ איוו.

דאָס זאָג איך דאָך. דו זאָלסט קיין שבועה אויך נישט גלויבען.

טאַלין

וואָס-זשע הערט זיך מכח טיי, מאַרפא איוואַנאָוונאַ?

מאַרפאַ איווי

נו, כ'קען דערלאַנגען.

געהט אָב

סטעפּ.

שטעהט ביי דער טהיר, פערמאַכט זי פעסט. אויפגערעגט

ניקאָלאַי! וואָס איז געשעהען? פאָהרסט אָב? אַ דורכפאַל?

טאַלין

ניין, ניין, בערוהיג זיך! נישט קיין שרעקליכעס. פאַר אַ רעדע אויף אַ סטודענטישען אָווענד שיקט מען מיך אַרויס אין משך פון פיראונצוואַנציג שעה; אין אַ שעה אַרום מוז איך אָב-פאָהרען.

סטעפּ.

נאָך וואָס האָסטו מיך גערופען?

טאַלין

מיר דוכט זיך, אַז מ׳שפּיאָנירט אויס די וואוינונג. מ׳מוז אונבעדינגט היינט צונעהמען פון דאַנען די ליטעראַטור.

סטעפ.

גוט, כ׳וועל שפּעטער קומען מיט אַננאַ ניקאָלאַיעוונאַ׳ן נאָך די פּלעשלעך און מיר וועלען שוין צונעהמען.

מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ קומט אַרײַן. סטעפּאַנאָוו נעהמט געשווינד אָן די פריהערדיגע פּאָזע.

מאַרפאַ איוו.

דערלאַנגט טאַלינ׳ען אַ גלאָז טיי

אַז מאַטריאָנקע איז אַ גנב׳טע, דאָס ווייס איך אָהן דיר אויך. נאָר מיט דעם גילדן, האָסטו געוויס אַ זינד אויף דער נשמה, אַט וואָס!

סטעפ.

צלמ׳ט זיך שנעל איבער

אָט האָסטו דיר אַ הייליגע שבועה, אַז איך האָב קיין זינד בּישט! פינף פלאַשען האָט זי גענומען און פאַר פינף מאָהן איך.

טאַלין

און דו, מארפא איוואַנאָוונאַ, גלויב, אויב אַ מענש צלמ׳ט זיך.

מאַרפאַ איוו.

מילא, כ׳גלויב. אַז ער צלמ׳ט זיך, גלויב איך! געבען איינגעמאַכטס?

טאַלין

אײַליג

יאָ, יאָ, גיב אונבעדינגט, כ׳בעט דיך!

מארפא איוואַנאָוונאַ געהט אָב

טאַלין

לאַכט

וואָס פאַר אַ קוריאָזע אַלטיטשקע! יאָ, ווייסט, קרושקאָוו איז דאָ.

סטעפּ.

וואָס רעדסטו? סערגיי? ווי גוט געטראָפּען? וואו איז ער?

טאַלין

איך האָב איהם אַהינגעשיקט צו מיכאַילאָוו'ן. זעה זיך אונ-בעדינגט מיט איהם.

סטעפּ.

אַ פראַגע אַ ביסעל! אַננאַ ניקאָלאַיעוונאַ וועט זיך דאָס דערפרעהען! נו, איצט ברודער, וועט עס ביי אונז לעבעדיגער צוגעהן (נעהמט איהם ארום) קום שנעל צוריק! אָהן דיר וועט שווער זיין.

געהט צו צו דער טהיר. מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ קומט אַריין

מאַרפאַ איוו.

צו סטעפאַנאָוו'ן

וואָס שטעהסטו דאָ נאָך אַלץ? געלד האָסטו בעקומען און האָב דרך ארץ—געגאַנגען! ביזט נישט געקומען צו געסט!

סטעפּ.

הארציג

לערן נישט, מוטערל, כ'ווייס אָהן דיר אויך דרך ארץ! (צו טאַלינ'ען) אַדאַנק, באַרין. אַ גליקליכע רייזע!

טאַלין

נישטאָ פאַרוואָס! בלייבט געזונד!

סטעפּ.

און נאָך די פּלעשלעך וועל איך קומען, ווען דער באַרין וועט אַוועקפאָהרען, כדי נישט צו בעאונרוהיגען. אַ יאָ, מוטערל?

מאַרפאַ איוו.

מילא, קום...

סטעפּ.

געהט צו צו דער טהיר און בלייבט שטעהן

און וועגען מאַטריאָנקע׳ן קאָנסטו זיין רוהיג, מוטערל איך בין ריין. (טראַגיש) צוליב אַ גילדען וועל איך זיך בעשמוצען

געהט אָב

מאַרפאַ איוו.

שרייט נאָך סטעפּאַנאָו׳ן

ס׳איז שוין רעכט! כ׳האָב געזאָגט—כ׳גלויב און שוין. איצט קאָנסטו שוין רוהיג זיין, איך אַליין וועל מאַטריאָנקע׳ן אָנשפּייען אין צורה.

טאַלין

קוקט אויפ׳ן זייגער. שפּרינגט־אויף

אוי, אוי, ווי שפּעט! צוואַנציג מינוט איינגאַנצען געבליבען צום צוג! לויף, מוטערל, שנעלער נאָך אַ דראָזשקע?

מאַרפאַ איוו.

מילא, כ׳וועל לויפען.

געהט אָב

טאַלין

אַליין. נעהמט געשווינד צונויף די זאַכען און לעגט זיי אין טשעמאָדאַן

כ׳זאָל נאָר נישט פערשפּעטיגען דעם צוג!... איבריגענס, ניין, כ׳וועל נישט פערשפּעטיגען. און וואָס אָנבעלאַנגט די לי-

טעראַטור, קאָן איך, דוכט זיך, זיין רוהיג. אָדער דער, אָדער דער וועלען עס שוין צונעהמען. דורך וואַסיל פעאָדאָראָוויטש וועט מען קאָנען זיך אויסטאַרען אַנ׳ערלויבעניש אויף צוריקצו־קומען און אין אַ וואָך אַרום וועל איך שוין צוריק זיין דאָ. אַך, ווען סעריאָזשאַ זאָל דאָ איבערבלייבען, ווען די דרוק זאָל פונקציאָנירען, וואָלטען מיר דאָס געאַרבייט! די אַרבייט וואָלט געגאַנגען מיט דער גאַנצער קראַפט. (געהט איבער׳ן צימער און זינגט) „סלאַווסיאַ סוואָבאָדאַ" א. אַז. וו.

מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ קומט אַריין

מאַרפאַ איוו.

אָט אַ קונדאַס! האָט זיך צוזינגען! אַנשטאָט גיין צו בע־טען—זינגט ער גאָר אַ ליד. פרעהט זיך, וואָס ער פאָהרט אַוועק—ווי אַ פויגעלע אויף דער פריי. זאָג דעם אמת, מיכאַילישט, פאָהרסטו נישט אַמאָל צו אַ געליבטע, האַ? (לאַכט)

טאַלין

פרעהליך

צו אַ געליבטער, מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ, צו אַ געליבטער! נו, וואָס, האָסט געבראַכט אַ דראָזשקע?

מאַרפאַ איוו.

געבראַכט.

טאַלין

טהוט אָן דעם פאַלטאָ, נעהמט שנעל אַרום די אַלטיטשקע

נו, זיי געזעגענט, מיין גוטינקע! פערגעס מיך נישט. און ווען כ׳וועל צוריקקומען, וועל איך דיר ברענגען אַ מתנה, אַז דו וועסט קוועלען!

מאַרפאַ איוו.

אוי, זאָגסט ליגען!

טאַלין

כ׳וועל נישט אָפּנאַרען, באָבעשי, כ׳וועל נישט אָפּנאַרען! אַזוי ווי די ליבסטע וועט מיך נאָר אַהיימלאָזען, איז דאָס ערש־טע—פאַר דיר אַ מתנה.

ער געהט אָב, נאָך איהם מאַרפאַ איוואַנאָוונא. פון הינטער דער סצענע הערט זיך אַ קלאַפּעריי פון אַן׳אָבפּאָהרענדער דראָזשקע. מאַרפאַ איוואַנאָוונא קומט צוריק

מאַרפאַ איוו.

אָבער אַ קונדאַס, אַז אַ שרעק! האָט נאָר אין זין אַרומ־צושטיפּען. און קומען זיי זיך צונויף דאָ אַ פינף־זעקס מיט־אַמאָל—ווערט דאָ אַ רויך ביז צום הימעל! וואָס דאָ טהוט זיך אָב: וואָס פאַר אַ גערעדעריי, וואָס פאַר אַ געשרייען, לידער—אַ שרעק! אַ זשווזשעריי, פּונקט ווי דו וואָלסט זיך געפינען אין אַ ביהנשטאָק. הערסטו זיך אַמאָל צו צו זייערע רייד, איז עפּעס ווי זיי וואָלטען גערעדט אויף אונזער לשון, ווי אַלע פּראַוואָ־סלאַוונע רעדען, די ווערטער אויך אונזערע און קאָנסט גאָר־נישט פערשטעהן, נאָך ערגער ווי דעם דייטש. כ׳זאָל אַזוי לע־בען! זיי רעדען, רעדען און פערשטעהן, מסתמא, אַליין אויך נישט, וואָס זיי רעדען. יונגע חברה, לאָזען זיי זיך וואוילגעהן, פּונקט ווי יונגעטשקע אינדיקלעך, נעהמען זיך צונויף אין אַ קו־פּע און—האָלדער, האָלדער, האָלדער! וואָס? צו וואָס? פאַרוואָס?—ווייסען זיי אַליין נישט. אוי, מיינע צרות! און אַ מענש איז ער אַ האַרציגער, נישט צו פערזינדיגען. מיך, אַלטיטשקע, האַלט ער אויך בכבוד. נאָר וואָס איהם קומט, דאָס קומט איהם: טהוט ער עפּעס, טאָרסטו איהם, גאָט בעהיט, נישט שטערען. (נעהמט אַראָב די כלים פון טיש) נאָר דאָס טויג נישט: פון וועלכער אמונה זענען זיי—ווייסט מען נישט, אין צערקווע אַריין געהען זיי נישט. איך פרעג איהם: צי דו, מיכאַיליטש, ביזט נישט אַמאָל פון אַלטען גלויבען? לאַכט ער. „ניין, זאָגט ער, באָבעשי, חלילה, איך בין פון נייעם גלויבען”. אָט—אפילו קיין איקאָנע נישטאָ. אָט דאָרט אויף דער וואַנט הענגט אפילו איינער, ווייס איך אָבער נישט:

צי עס איז אַ גאָט אַזעלכער, אַ זייעריגער, צי עפּעס אַ הייליגער גאָר? ווער קאָן זיי פערשטעהן? מען האָט איצט איינגעפיהרט אַזויפיל אמונות, שטראָף נישט גאָט! ביי אונז פּראַוואָסלאַוונע איז דאָס זעהר פּשוט—דריי פינגער צוגעלעגט און דאָס איז אַלץ! גאָר פּשוט דאַרף מען שוין איינפּאַכער? יונגוואַרג האָבען אַלץ ליב איבערגעשפּיצט. זאָל ער נאָר חתונה האָבען, וועט ער אַנדערש ווערען, אַ לייט ווערען, מ'ווייסט שוין!

פּירסאָוו

הינטער דער סצענע

ע', ווער איז דאָ?

מאַרפּא איוו.

מ'שרייט, דוכט זיך? ווער איז דאָרט?

פּירסאָוו

קומט אריין, בלייבט שטעהן אין מיטען צימער און קוקט זיך ביים ארום. שטרענג

דו ביזט דאָ די בעל-הבית'טע?

מאַרפּא איוו.

איך, פּאַטערל.

פּירסאָוו

איך בין דיר נישט קיין פּאַטערל, נאָר „וואַשע וויסאָקאָדיע!"*)

מאַרפּא איוו.

מילא, זאָל זיין „וואַשע וויסאָקראָדיע".

פּירסאָוו

ביי דיר וואוינט אַ געוועזענער סטודענט פון טעכנאָלאָגי-

*) אייער הויכגעבוירענקייט (אַ רוסישער טיטול).

שען אינסטיטוט ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש טאַלין?

מאַרפּא איוו.

ביי מיר...

פּירסאָוו

וואו איז ער?

מאַרפּא איוו.

אַוועקגעפאָהרען... אָט נאָר-וואָס איז ער אַוועקגעפאָהרען.

פּירסאָוו

זאָגסט ליגען, אַלטע!

מאַרפּא איוו.

בעליידיגט

וואָס עפּעס, פּאָטערל, בייזערסטו זיך און שרייסט אַזוי אויף מיר? איך האָב נאָך פון מיין געבוירענסטאָג אָן נישט געזאָגט קיין ליגען און איצט בין איך דיר גאָר אַ ליגנערין! איך בין דיר נישט קיין קליין מיידעלע, איך בין אַנ'אַלטע בכבוד'יגע אלמנה.

פּירסאָוו

דו ווייסט ווער איך בין?

מאַרפּא איוו.

וואָס דען, כ'ווייס, כ'ווייס! פּאַרוואָס זאָ, איך נישט וויסען ווער דו ביזט! דו ביזט די פּאָליציע, דער גרעסטער פון אַלע, דיר קומט דער גרעסטער דרך-ארץ אויך. (נויגט זיך)

פּירסאָוו

ווייכער

בהמה! איך בין דער פּריסטאַוו. און וואוהין איז דיין

קוואַרטיראַנט געפאָהרען?

מאַרפא איוו.

ער האָט מיר עפּעס געזאָגט! איך זאָג: צו טאַטע-מאַמע צו גאַסט פאָהרסטו, מיכאַיליטש? ניין, זאָגט ער, איך פאָהר אין דינסט-זאַכען—דאָס נאָר האָט ער מיר געזאָגט.

פּירסאָוו

אין דינסט-אָנגעלעגענהייטען, כאַ-כאַ! מ׳קאָן טאַקי מיינען עפּעס איך אַ טשינאָווניק! (קוקט זיך ארום) וואָס זשע, ער איז, הייסט עס, נישט אינגאַנצען אָבגעפאָהרען? די וואוינונג לאָזט ער זיך איבער?

מאַרפּא איוו.

וואָס דען! כ׳וועל קומען צופאָהרען, זאָגט ער, און כ׳וועל ווייטער וואוינען.

פּירסאָוו

אַזוי-וי! (דרעהט זיך ארום איבער׳ן צימער) און די זאַכען האָט ער, הייסט עס, נישט מיטגענומען מיט זיך?

מאַרפּא איוו.

וואו דאָרט! ער האָט גאָרנישט מיטגענומען. אַ קליין טשע-מאָדאַנטשיקעל, אַ קישעלע און שוין.

פּירסאָוו

הויזען!... אויפ׳ן טיש זיי געלאָזען.

מאַרפא איוו.

תמיד אַזוי. און איך מוז נאָך איהם צורוימען. אָך, אָך!...

פּירסאָוו

בעמערקט מאַרקס׳עס בילד איבער דער וואַנד

און דער ווער איז? זיין פּיטער, צי וואָס?

מאַרפֿאַ איוו.

וואָט דער? ווער ווייסט איהם! כ'האָב זיך נישט צוגעקוקט. כ'האָב געקלערט—אפשר גאָט און אפשר אַ היייליגער עפּעס...

פּירסאָוו'

קרומט איהר איבער

האַ-צאַט! (געהט צו צו דער פּאָליצע און קוקט־איבער די ביכער) אַלץ עפּיכטע ביכער... קיין פערבאָטענע איז גאָרנישטאָ... אַלץ—פּע-טערבורג אָדער מאָסקווא פון אונטען. ער וועט דאָך קיין פער-באָטענע ביכער נישט לאָזען דאָ אָפען פאַר אַלע (קוקט זיך ארום) און אין שאַפע, וואָס איז?

מארפא איוו.

פערשידענע זאַכען.

זי עפּענט די שאַפע. עס הענגען אַ פּאָר הויזען

פּירסאָוו

סמאַטעס. (קוקט אריין אין שאַפע) קיין געהיימע קעסטלעך איז ניישטא?

מאַרפֿאַ איוו.

ווער ווייסט איהם דאָרט?

פּירסאָוו

נעהמט אַ ליכט, קוקט

ע-ע! עפּעס אַ פערדעכטיג ווענטעל! (קלאַפּט אין ווענטעל) געטראָפען! אַנו, אַלטע, ברענג מיר נאָר עפּעס: אַ האַמער אָדער אַ האַק!

מאַרפֿאַ איוו.

וואָס טויג דיר עפּעס ברעכען די שאַפע, עפּעס צוזעלבן

זאַכען טראַכסטו צו! וואָס האָסטו דאָרט צו זוכען? זעהסט דאָך—הויזען!...

פירסאָוו

נישט גערעדט! טהו וואָס מ׳הייסט דיך!

מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ געהט אָב

פירסאָוו

אַליין

דאָ איז עפּעס פאַרהאַן... בעשטימט. (פּרובט דאָס ווענטעל) נישט אַמאָל פון הינטען? (רוקט אָב די שאַפּע) אַ טשוואָק שטעקט, צי וואָס? (נעהמט איהם ארויס און ס׳עפענט זיך דאָס טהירעל) אַ-אַ-אַ! (בעקוקט איין ביכעל, דאָס צווייטע) „היסטאָרישע בריף”, „וויעסט. נאַראָד. וואָלי” „מאַ-טעריאַלען צו דער געשיכטע פון דער רוסישער סאָציאַל-רעוואָל.-בעוועגונג”... אַ-אַך, קאַנאַליע! ענדליך געפּאַקט! אַזוי-וי! (שטעהט אַ מינוט איבעראַשט). אַזוי, אָט וואו זייער נעסט איז! דאָ איז בע-שטימט אויך זייער דרוקעריי. וואָס זשע הויבט מען איצט אָן צו טהון? גלייך פאָהרען צו זיין עקסעלענץ איבערגעבען? וואו זשע וועל איך איהם איצט טרעפען? ביז איך וועל איהם אויס-זוכען, ביז ער וועט געבען אינסטרוקציעס, קאָן נאָך ווער פון זייער חברה קומען און אַלץ צונעהמען. (שפּריזט איבער׳ן צימער) המ... המ... און פון זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג קאָן מען נאָך אויך קו-מען. זיי וועלען דערשמעקען, וועלען אַהערקומען, וועלען געפו-נען—און וועלען דערנאָך אפילו קיין דאַנק נישט געבען. זיי וועלען זיך נאָך בייזערן: איהר מישט זיך אין נישט אייערע זאַכען. ניין! מ׳דאַרף זיי אַלע אַ מאָרדע אָנרייבען. (לעבהאַפט) איך וועל אַזוי טהון: כ׳וועל גלייך דאָ אַהערשיקען אַנ׳אַגענט, זאָל ער דאָ זיצען און היטען. וועט ווער קומען—זאָל ער פערהאַל-טען. איינמאָל אַוועק! און איך וועל מיר פאָהרען אויסזוכען דעם פּאָליציי-מייסטער און אפילו צוועלף ביינאַכט וועל איך איהם דאָ אַהער ברענגען און איהם גלייך אין האַנד אַלץ איבערגעבען. נישקשה, ס׳לוינט זיך איהם צו בעמיהען צוליב דעם (לעבהאַפט)

דאָ איז די סאַמע נעסט זייערע. ניין, ניין, דעם צופאַל, טאָר איך נישט אַרויסלאָזען פון האַנד. נישט יעדען טאָג שיקט גאָט צו אַזאַ גליק. (דאַנקבאַר) דאָס האָט גאָט אין הימעל אויף מיין אָרימקייט זיך דערבאַרימט אויף מיינע קליינינקע, אונשולדיגע עופה׳לעך רחמנות געקריגען. אָך, פינף נעבעך האָב איך, פינף! (אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל) אַ דאַנק דיר, אַלמעכטיגער בעשע-פער, אַלערהייליגסטע מוטער געטליכע, וואָס דו פיהרסט מיך אַרויס פון אָבגרונד אויפ׳ן ריכטיגען וועג!

(מארפא איוואנאָוונאַ קומט אריין מיט אַ האַק)

מאַרפאַ איוו.

כ׳האָב קוים געקריגען אַ האַק ביי די שכנים. נאָר דו צו-האַק נישט די שאַפע, ווי גאָט איז דיר ליב.

פּירסאָוו

נו-נו, זיי מיר געזונד! זאָל זיין ווי דו זאָגסט, כ׳וועל נישט האַקען. טראָג צוריק אָב די האַק. נאָר דו געדענק, זאָלסט זיך צו דער שאַפע נישט צוריהרען. המ... המ... אָט וואָס... איך געה אַוועק. אויב ס׳וועט ווער קומען... המ... וואָס טהוט מען דאָ? האַ?

מאַרפאַ איוו.

ווער וועט דאָ, פּאָטערל, ביינאַכט קומען?

פּירסאָוו

נישט גערעדט! הער זיך איין, אַלטע: זאָלסט קיינעם דאָ אין שטוב נישט אַריינלאָזען, קיינעם נישט, ווער ס׳זאָל נישט קומען...

מאַרפאַ איוו.

מסתמא וועל איך נישט אַריינלאָזען. וואָס איז דען ביי מיר אַנ׳אכסניה, צי וואָס?

פירסאָוו

האַלט ס'מויל, אַז איך רעד! קיינעם זאָלסטו נישט אַריינ-לאָזען. נאָר איין מענש זאָלסטו יאָ אַריינלאָזען: איך וועל דאָ אַהערשיקען אַנ'אַגענט,—פערשטעהסט? הער גוט וואָס איך זאָג דיר. דיין קוואַרטיראַנט איז אַוועקגעפאָהרען און האָט אַלע זאַכען איבערגעלאָזט. כדי עס זאָל זיי קיינער נישט נעהמען, וועל איך דאָ שיקען אַנ'אַגענט. און ווייטער איז נישט דיין געשעפט.

מאַרפאַ איוו.

אָך, פאָטערל! טייערער! לאָז געמאַך! איך וועל שוין אַליין היטען! אוי, וועל איך היטען!

פירסאָוו

שטיל, נישט גערעדט! און טהו, ווי מ'הייסט דיך. אַז נישט, וועסטו אין טורמע געהן!

מאַרפאַ איוו.

פאַרוואָס דען, פאָטערל, קומט מיר, אַלטע, אין טורמע צו געהן?

פירסאָוו

נו-נו, נישט גערעדט!

געהט אַרויס

מאַרפאַ איוו.

אַליין

אָנגעיאָגט אַ שרעק און איז אַוועק. אַז מ'שמועסט—פאָלי-ציע! אָך, גאָט, מלאכים הייליגע, נאָך די צרה האָט צוגעפעהלט! און מ'וואָלט כאָטש געזאָגט פאַר עפּעס. אַנ'אַגענט, זאָגט ער, וועט ער אַהערשיקען. ווער דאַרף איהם דאָ האָבען, דעם אַגענט דיינעם? וואָס בין איך דען, אַ גנב'טע, צי וואָס? אָדער עפּעס אַנ'אויסוואורף? אַ דאַנק גאָט, כ'בין שוין דאָס ווילטע יאָהר

בכבוד'יגע אלמנה... און וואָס האָט ער דאָ צו היטען? די אַל-טע הויזען, צי וואָס? אָך, אָך! אַנ'אַגענט, זאָגט ער, וועל איך אַהערשיקען. מילא, טהו אַ טובה און שיק! נאָר פאַרוואָס עפּעס פיהל איך אַזאַ שרעק? (שפּייט אויס) טפו! זאָל זי נישט געדאַכט ווערען, די גאַנצע פּאָליציע! אַלץ פרעגט זי זיך נאָך, אַלץ מוז זי וויסען, אומעטום שטעקט זי אַריין די נאָז: וואוהין ער איז געפאָהרען און וואָס ער האָט מיטגענומען? און איך האָב אָט אַזויפיל געזאָגט, אַז עס איז איהם שווער געווען אַוועקצוטראָגען (שמייכעלט) כ'וויס נישט און שוין. אין „דינסט-זאַכען" איז ער אַוועקגעפאָהרען, דאָס איז גאָר. (שטיל) אָבער וואו ער איז אין דער אמת'ן געפאָהרען, האָט ער טאַקי מיר געזאָגט. צו דער לי-בינקער איז ער געפאָהרען. און איך, אַלטיטשקע, שווייג! אָהאָ! אַזוי איז עס בעסער.

קרוזשקאָוו

פרעהליך

גוט ב'אָווענד, מומינקע! וואָס, דיין קוואַרטיראַנט איז נאָך נישט געקומען?

מאַרפאַ איוו.

בייז

נישט געקומען, נישט געקומען! געה דיר געזונטערהייד! ער איז אַוועקגעפאָהרען מיין קוואַרטיראַנט.

קרוזשקאָוו

אַוועקגעפאָהרען! אַך, אַ שאָד!

מאַרפאַ איוו

נו, יאָ אַ שאָד, נישט אַ שאָד—געה דיר געזונטערהייד!

קרוזשקאָוו

וואָס טרייבסטו מיך עפּעס אַזוי? אַמאָל ביזטו נישט אַזאַ בייזע געווען.

מאַרפֿאַ איוו.

נישקשה, מ׳וואָלט דיך נאָר אַזוי אָנגעשראָקען, וואָלסטו אויך נישט געוועזן קיין גוטער. געה דיר, געה דיר געזונטערהייד!

קרוזשקאָוו

זעה נאָר, זעה נאָר! וואָס איז מיט דיר? וואָס איז דיר געפלויגען פאַר דער נאָז?

מאַרפֿאַ איוו.

דאָס, וואָס מ׳האָט נישט געהייסען אַריינלאָזען אין שטוב קיינעם.

קרוזשקאָוו

ווער האָט נישט געהייסען?

מאַרפֿאַ איוו.

וואָס איז ער צוגעשטאַנען, וואָס! פּאָליציע האָט נישט געהייסען. דער סאַמע עלטסטער איז דאָ געוועזן. האָט מיר אָנגעזאָגט, שטאַרק אָנגעזאָגט, כ׳זאָל קיינעם נישט אַריינלאָזען. נאָר, זאָגט ער, אַז ס׳וועט קומען מיין אַגענט, זאָלסטו איהם אַריינלאָזען. און אַלע אַנדערע זאָלסטו נאָר אַרויסטרייבען. שוין, ווייסט שוין? איצט געה דיר!

קרוזשקאָוו

אַ מאָדנע אַלטינקע דו ביזט, עהרענוואָרט! טרייבסט מיך שוין אַ שעה צייט און פרעגסט נישט: אפשר בין איך דאָס טאַקי דער אַגענט? נו, דיין גליק, וואָס איך בין אַ גוטער מענש! ווען דו וואָלסט אַזוי אָנגעטראָפען אויף אַן׳אַנדערן, אַ שלעכטען, וואָלסטו געהאַט דערפאַר! אוי, אוי! וואָלסט גלייך אין טורמע אריינגעפלויגען.

מאַרפּאַ איוו.

נו, נו, דו ווייטער! שרעקסט שוין ווייטער אָן. פאַרוואָס האָסטו מיר פריהער נישט געזאָגט, אַז דו ביזט דער אַגענט, וואָלט איך דיך גלייך אַריינגעלאָזט. איך ווייס דען עפּעס? עס איז דען ביי דיר אויפ'ן שטערען אויפגעשריבען?

קרוזשקאָוו

א מאַך טהוענדיג מיט דער האַנד

נו, גוט, כ'בין דיר מוחל! נאָר אָט וואָס, באָבעשי: מ'האָט דיר געזאָגט—קיינעם נישט אַריינלאָזען—זאָלסטו טאַקי קיינעם נישט אַריינלאָזען מעהר. ווער עס זאָל דאָ נישט קומען, מעג זיין אַ פּאָליציאַנט, אַ זשאַנדאַרם, קיינעם זאָלסטו נישט לאָזען. אַלעמען זאָלסטו זאָגען: די עלטסטע באַטשאַלסטוואָ האָט נישט געהייסען אַריינלאָזען.

מאַרפּאַ איוו.

נו, מילא, וועל איך נישט אַריינלאָזען.

קריזשקאָוו

הער נאָר, מומינקע, אַזוי ווי כ'דאַרף דאָ לאַנג זיצען, וועלען מיר עפּעס אויסטרינקען, כדי עס זאָל נישט אומעטיג זיין.

מאַרפּאַ איוו.

געה שוין, געה, וואָס דו טראַכסט אַלץ צו!

קרוזשקאָוו

בנאמנות, באָבעשי,—ווי הייסט דו דאָרט?...

מאַרפּאַ איוו.

מאַרפּאַ רופען מיך אַלע און איוואַנאָוונאַ הייס איך נאָכ'ן פאַטער. און דו ווי הייסט?

קרוזשקאָוו

יך רופט מען איוואַן פעטראָוויטש. אָט האָבען מיר זיך שוין בעקענט אויך! נו, געה. (גיט איהר געלד) ברענג אַ פלעשעל בראָנפען, וועלען מיר טרינקען-און ס'וועט פרעהליכער ווערען.

מאַרפאַ איוו.

זאָל איך געהן? (וואקעלט זיך) צופלייס פון דיינעטוועגען אראָבגעהן? אַ מענש ביזטו! אַנ'איידעלער און אַ גוטער, כ'וועל טאַקי געהן! (פרעהליך אין דער טהיר) דו קוק נישט דערויף, וואָס איך בין אַנ'אַלטע, איך בין אָבער אַ לוסטיגע באָבינקע. כ'האָב אויך ליב אַ שנעפסעל.

קרוזשקאָוו

אליין

איצט געשווינד צו דער אַרבייט! פּאָליציע האָט אויסגעשפירט און יעדע מינוט דאַרף דאָ קומען אַ שפּיאָן (נעהמט ארויס א רעוואָלווער) פאַר אַ שפּיאָן האָב איך אָט אַזאַ שפּילכעל. כ'וועל זיך נישט לאָזען לייכט נעהמען.

עפענט שנעל דעם טשעמאָדאַן, רוקט אָב די שאַפע, עפענט אויף דאָס טהירעל, נעהמט ארויס פעקלעך ביכער און בראָשורען און נעהמט זיי פאקען אין טשעמאָדאַן. עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין סטעפּאַנאָוו, נאָך איהם מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ

מאַרפאַ איוו.

רוימט איין סטעפּאַנאָוו'ן

נאָר דערבאַרים זיך, נעהם שנעלער צו די פלעשלעך און אַנטלויף. זעהסט דאָך אַנ'אַגענט זיצט, די פּאָליציע אַליין האָט איהם אַהערגעשיקט.

געהט אָב

קרוזשקאָוו

שפּרינגט אויף

וואָס דאַרפסטו דאָ?

סטעפּ.

איך בין פון מילך... נאָך די פלעשלעך ביז איך געקומען... כ'וויל זיי צונעהמען.

קרושקאָוו

נו שנעלער, נעהם צו און געה!

סטעפּ.

געהט צו צום ווינקעל, וואו די פלעשלעך שטעהען

איהר זענט, ווייזט אויס, פון פּאָליציע, אַנ'אַגענט, האַ?

קרושקאָוו

נישט דיין עסק! נעהם צו די פלעשלעך און געה! (צו זיך) דער סוביעקט געפעלט מיר נישט.

סטעפּ.

כ'מיין קעגען דעם, ווייל מיר האָבען גרויסע בעקאַנטשאַפט מיט פּאָליציע. טאַקי מיט די אַגענטען אויך. מיר אינטערעסירען זיך זעהר מיט די זאַכען.

קרושקאָוו

שארף

וואָס זשע פערלאַנגסטו?

סטעפּ.

ניין, גלאַט אַזוי... ס'איז מיר אַ וואונדער, וואָס איך האָב אייך פריהער נישט בעמערקט קיינמאָל. איהר מוזט געוויס זיין אַ נייער?

קרושקאָוו

אַ נייער. (צו זיך) איז ער נישט אַמאָל דער אַגענט, ווער

כ̄ער דאַרף דאָ אַהערקומען? (הויך) דו ביזט טאַקי אַ מילך-הענ-
דלער, האַ? עפּעס ביזטו גאָרנישט עהנ׳יך אויף אַ מילך-הענדלער?

קוקט אויף איהם דורכדרינגליך

סטעפּ.

צו זיך

אַ מיאוסע מעשה! (הויך) וואָס איז! כ׳האָב איינמאָל שוין געזאָגט, אַז כ׳בין געקומען נאָך פלעשלעך, וואָס האָב איך זיך דען צו פערשטעלען? האָסטו געזעהען! (נעהמט צונויף די פלעשלעך) אַגענטען אויך פערשידענע. אַנ׳אַנדערער כאָטש מ׳שיקט איהם נישט—קריכט ער אַליין... דערפאַר מיינסטו וועט מען דיר אַ שע-נעם דאַנק געבען?

וויל אוועקגעהן

קרוזשקאָוו

שטעה!

סטעפּ.

וואָס זאָל איך עפּעס שטעהן?

קרוזשקאָוו

ווער ביזטו פאַר איינער?

סטעפּ.

טפו, אַ מיאוסער מענש דו ביזט! וואָס האָסטו זיך צוגע-טשעפּעט? קום אין פּאָליציע, דאָרט וועל איך דיר זאָגען, ווער איך בין.

וויל אוועקגעהן

קרוזשקאָוו

כאַפּט איהם פאַר דער האַנד

שטעה, זאָג איך דיר!

סטעפ.

רייסט האסטיג ארויס די האנד

ווי וואגסטו מיך צו כאפען פאר דער האנד? וואס בין איך א גנב, צי וואס? מיר וועלען ערשט זעהן, ווער דו ביזט פאר איינער! וואו איז דיין בילעט?

קרוזשקאוו

איך וועל דיר באלד ווייזען מיין בילעט—וועט דיר שווארץ ווערען אין די אויגען! (נעהמט ארויס דעם רעוואלווער) זעהסט מיין בילעט? נישט פון ארט,—אז נישט לעג איך דיך א טויטען! איך וויים ווער דו ביזט!

סטעפ.

א-א, אזוי! פיי-יין! (כאפט ארויס א רעוואלווער) אויב אזוי, ווערסטו, טייערער, שוין אויך נישט ארויס פון דאנען!

אננא ניקאלאיעוונא קומט אריין

אננא ניק.

נו, סטעפא, אט בין איך דא! און וואו זענען די ביכער? (דערזעהט קרוזשקאוו'ן) סערגיי! ליבינקער! דו ביזט דא?

לויפט צו צו איהם

קרוזשקאוו

אננא ניקאלאיעוונא!

לאזט אראב דעם רעוואלווער

סטעפ.

גאט מיינער! אניוטא, דאס איז סערגיי?

בעהאלט דעם רעוואלווער

קרוזשקאוו

איהר זענט סטעפאנאוו?

אננאַ ניק.

קוקט זיך ארום

וואָס בעדייט דאָס? איהר האָט זיך ביז איצט נישט גע-
קענט? און רעוואָלווערען אויך? איהר ריכט זיך אויף אַנ'אָנפאַל?

סטעפּ.

ניטערט אײנגאַנצען:

אַניוטאַ! מיר האָבען זיך אָנגענומען איינער דעם צווייטען
פאַר שפּיאָנען!

קרוזשקאָוו

עהט צו צו סטעפּאַנאָוו'ן, נעהמט איהם ארום, נעהמט אויך ארום אננאַ'ן

מיר האָבען זיך שיער נישט גע'ממית'ט איינער דעם צווייטען!

אננאַ ניק

אַ שרעק!

קרוזשקאָוו

קומענדיג צו זיך

אַלזאָ, חברים, יעדע מינוט איז טייער! מיר זענען אַלע
געקומען וועגען דערזעלבער זאַך. שנעל צו דער אַרבייט. אַזוי
ווי מען זעהט, קאָנען אָנקומען זשאַנדאַרמען.

פּאַקט געשווינד אין טשעמאָדאַן, לעגט דעם רעוואָלווער אין טאַש. סטעפּאַנאָוו
און אננאַ נעהמען צו די פּלעשלעך

אננאַ ניק.

איהר געהט גלייך צו מיכאַילאָוו'ן?

קרוזשקאָוו

יאָ. מאָרגען מוזען מיר זיך זעהן. צוויי אַ זייגער נאָך
מיטאָג אין שטאָדט-גאָרטען. גוט?

טסעפּ.

גוט!

קרוזשקאָוו

וואָס דרוקט איהר?

אַננאַ ניק.

אַ פּראָקלאַמאַציע צום ערשטען מאַי. פּערטיג?

קרוזשקאָוו

וואַרט, מ'דאַרף נאָך דאָס איבריגע ווענטעל פון שאַפע אַרויסברעכען, כדי עס זאָל קיין שום צייכען נישט בלייבען. איבריגענס, געהט איהר אַוועק! (סטעפּאַנאָוו און אַננאַ געהען אַוועק. קרוזשקאָוו ברעכט אַרויס דאָס ווענטעל און וואַרפט עס אין אויווען) אָט אַזוי איז עס בעסער, וואָרום דאָס קאָן דאָך אויך דינען פאַר אַ בעוויין. איצט, געגאַנגען!

געהט אָב מיט'ן טשעמאָדאַן

(פאָרהאַנג)

צווייטער אקט.

מאַרפא איוואַנאָוונא קומט אַריין מיט'ן פלעשעל און שטעלט עס אויפ'ן טיש

מאַרפא איוו.

קָאט איז, שוועלבעלע מיינס! (קוקט זיך אַרום) ער איז נישטאָ! ר'האָט, מסתמא, בעדאַרפט אַרויסגעהן. אָהן איהם וועל איך נישט טרינקען. ער וועט אַריינקומען, וועלען מיר פיין אויסטרינקען צו כוס'עלעך. (פויזע) פון וואַנען כלוצלונג האָט דאָס אונזערער אַזאַ קאַנטשאַפּט מיט פּאָליציע. כ'פערשטעה עס נישט! כ'האָב עס פריהער גאָרנישט בעמערקט קיינמאָל. ספּעציעל פאַר זיינעטוועגען אַוועקגעשטעלט אַנ'אַגענט אין וואוינונג צו היטען. וואָס פאַר אַ כבוד מען טיילט איהם צו! אַי, וועל איך דאָס מאָרגען דערצעהלען פּאָכאָמיטש'ן, רק ער האַלט אין איין וואָרטשען: „דיין קוואַרטיראַנט, זאָגט ער, איז פון די סטודענטען, וועסט נאָך האָבען צרות צוליב איהם: זיי זענען אַלע געפעהרליכע, אומרוהיגע מענשען, בונטאָוושטשיקעס".

פּירסאָוו און קאָליוואַנאָוו קומען אַריין

פּירסאָוו

נו, אַלטיטשקע, האָסט געטהון אַלץ ווי איך האָב דיך געהייסען?

מאַרפֿאַ איוו.

אַ שאלה אַ ביסעל! כ׳האָב געטהון אַקוראַט ווי דו האָסט מיך געהייסען, קיין האָר נישט אַנדערש! כ׳האָב קיינעם נישט אַריינגעלאָזט און נאָר כ׳האָב געטריבען און געטריבען: אַוועק! אַוועק!

פּירסאָוו

און מיין אַגענט איז געוועו?

מאַרפֿאַ איוו.

ר׳איז געוועו, פּאָטערל, ר׳איז געוועו... פּאַרוואָס האָט ער געזאָלט נישט זיין, אַז דו אַליין האָסט איהם געהייסען. פריהער האָב איך איהם אויך געגומען טרייבען. האָט ער אויף מיר אָבער אַ הילך געטהון, אַז כ׳האָב גלייך פערשטאַנען, אַז ער מוז זיין פון פּאָליציע—און כ׳האָב איהם אַריינגעלאָזט.

פּירסאָוו

און וואו איז ער איצט?

מאַרפא איוו.

ער האָט, געוויס, בעדאָרפען אַרויסגעיין.

פּירסאָוו

זעהר גוט. איצט דאַרף מען איהם שוין נישט.

מאַרפֿאַ איוו.

אודאי נישט! אַז דו אַליין ביזט דאָ—ווער זשע דאַרפט איהם צו האָבען?

פּירסאָ

נישט געדערעדט! הער זיך איין, אַלטע! איצט, ווער עס וועט

נאָר קומען—זאָלסטו אַריינלאָזען, פרעג קיינעם גאָרנישט, נאָר לאָז יעדען גלייך אַריין.

מאַרפאַ איוו.

מילא, אַריינלאָזען—איז אַריינלאָזען.

געהט ארויס

פירסאָוו

זעצט זיך ביים טיש, רעדט האלב שטיל

זעהסטו, איגנאַט מאַקסימאָוויטש, דאָ איז אַזאַ געשיכטע! דאָ איז זעהר אַנ'איידעלער ענין. ווען עס טרעפט אָן אויף אַנ'אַנדערן, וואָלט ער זיכער נישט געוואוסט וואָס ער האָט צו טהון, איך אָבער, האָב אויפ'ן אָרט, איינס און צוויי, אַלץ ערלעדיגט אויפ'ן בעסטען אופן. און דער עיקר: וואָס כ'האָב די זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג אַ מאָרדע אָנגעריבען! כאַ-כאַ!... אַי, וועט עס זיי פערדריסען, דערוויסענדיג זיך, אַז די גאַנצע פערשווערונג איז ענטדעקט אָהן זיי!

קאָליוואַנאָוו

כע-כע-כע!... איהר האָט עס געשיקט איינגעאָרדענט און ערלעדיגט, וואַשע וויסאָקאָראָדיע! איהר וועט בעשטימט בעקומען אַ העכערע ראַנגע.

פירסאָוו

אַלץ הייסט געשיקט! כ'זאָג דיר אָפען, אָהן שום בערימעריי: כ'האָב עס מייסטערהאַפט געמאַכט, געניאַל! דו מיינסט, עס איז אַ קלייניגקייט? פיר חדשים נאָכאַנאַנד זוכט די זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג אַרום די דרוקעריי זייערע, זוכט, נישטערט אומעטום, זי איז שוין פערמאַטערט געוואָרען זוכענדיג—און גאָרנישט! און איך! כ'בין נאָר אַריינגעקומען אַ קוק טהון, צי דער פיינער מענש פון דאַנען איז טאַקי אָבגעפאָהרען—מעהר נישט! בין איך אַריינגעקומען, אַ קוק געטהון, אַ שמעק געטהון מיט דער

נאָז—ס'איז דאָ! געפּאַקט! מיינסט אַז יעדער איז פעהיג דערצו?

קאָליוואַנאָוו

וואו דאָרט יעדערער!... הייסט עס, אַז טאַקי דאָ איז די סאַמע דרוקעריי זייערע אויך?

פּירסאָוו

זי געפינט זיך געוויס דאָ. אין ערגעץ נישט, נאָר דאָ. איך ווייס שוין. דער חוש הריח, פּאָטערל, דער חוש הריח! אָבער ווי פיין איך האָב דאָס אַלץ געמאַכט, בעאַרבייט, זאָג אַליין! פלינק, האַ? כאַ-כאַ-כאַ!

קאָליוואַנאָוו

כע-כע-כע! אויסגעצייכענט! עס קאָן שוין גאָר בעסער נישט זיין! איהר וועט איצט בעקומען גאָר אַ גרויסע בעלוינונג.

פּירסאָוו

ערשטענס, האָב איך דאָ אַנ'אַגענט אַוועקגעשטעלט—האָסטו דיר אײנמאָל אַוועק! דערנאָך האָב איך אויסגעזוכט דעם פּאָלי-ציי-מייסטער און איהם דעם גאַנצען ענין דערלעגט—האָסטו דיר צוויטענס! דערנאָך האָב איך לויט דעם בעפעהל פון פּאָליציי-מייסטער צושיקט טעלעגראַמען, מען זאָל דעם וואוילען יונג פערהאַלטען און צוריקשיקען. ער האָט נאָר בעוויזען צוצופאָהרען צו דער ערשטער סטאַציע—האָט מען איהם גלייך צוריקגעקעהרט! איצט זיצט ער שוין, געוויס, אין קאַנצעלאַריע. נאָר וואָס טהוען מיר דאָ ווייטער? אָט וואָס, הער אויס! מיר וועלען דאָ איינ-אָרדנען אַ נעץ פאַר זיי. די זייעריגע וועלען געוויס קומען דאָ אַהער געוואָהר ווערען וואָס דאָ הערט זיך. ווערסטו דיר זיצען אין אָט דעם צימער דערנעבען און וועסט אונטערהערען. אַז זיי וועלען קומען, זאָלסטו זיי נישט גלייך פּאַקען. לאָז זיי זיך אָנ-רעדען און פערצייכען דיר אַלע זייערע רייד און דערנאָך ערשט אַרעסטירען זיי און האַלטען ביז מיר וועלען דאָ קומען.

קאַליוואַנאָוו

איהר מעגט זיין רוהיג, וואַשע וויסאָקעראָדיע! כ'וועל אַלץ טהון, וואָס איז נויטיג. נישט ס'ערשטע מאָל ביי מיר

פּירסאָוו

אַלזאָ, לאָז איך דיך איבער און איך וועל זיך אַריבער־כאַפּען צו זיין עקסעלענץ. אַך, ווי ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער געשיכטע! ער איז אַזש רויט געוואָרען. ס'ערשטע האָט ער זיך געפרעגט: און באָמבעס און דינאַמיט איז דאָרט נישטאָ? וואָס זשע האָב איך איהם געענטפערט? גאָרנישט. איך האָב איהם גע־זאָגט: אייער עקסעלענץ, איך בין נישט זיכער, אַז נישט! כע־כע! ער האָט געהייסען, איך זאָל צו איהם קומען אין האַלבע נאַכט (פויזע) איבערהויפּט זאָלסטו אַכטונג געבען אויף אָט דער שאַפּע—דאָרט איז אַלץ! נו, אַדיע,—כ'פערלאָז זיך אויף דיר!

געהט אַב

קאַליוואַנאָוו

אליין

אָט וואָס פאַר אַ מערכה אַזאַ ממ.. האָט! ער וועט דאָס איצט שטייגען, וואָס פאַר אַ בעלוינונג ער וועט דאָס איצט בע־קומען—אַ שרעק! ער וועט אפשר פאַר'ן קיסר אַליין ווערען פאָר־געשטעלט... נישט אומזיסט זאָגט מען: די נאַרישקייט גילט!... (קרעכצט אַב) אָך! אָט איז אַ פלעשעל בראָנפען אויך אויפ'ן טיש! גוט אַריינגעטראָפען! עס וועט זיין אָנגענעהמער די צייט צו פערברענגען. דאַרף איך איצט נאָר אַ גלעזעל און אַ שטאָפּער אויסגעפונען.

געהט אַריין אין אנדערן צימער. עס עפענט זיך פּאָרזיכטיג דאָס פענסטער און גלאַזקאָוו קוקט אַריין אין צימער

גלאַזקאָוו

אליין

קיינער נישטאָ! מ'דאַרף גלייך אַריינגעהן (קוקט אַרום דאָס צי־

מער) בּיכֿער, אַ שאַפֿע, אַלץ ריכֿטיג, אַלע סמנים. אויבֿ די פּאָליציִע זוכֿט דאָ טאַקי אַ דרוקעריי, וועל איך איהר שוין דעם פּעטען בּיסען פֿון אונטער דער נאָז צונעהמען. און איך וועל שוין איינמאָל אַ בּעלוינונג בּעקומען! שלעכֿט איז נאָר, וואָס די פּאָליציע האָט דאָ עפּעס דערשמעקט, האָט זיך שוין זיכֿער אַריינגעמישט און קאַליע געמאַכֿט דעם גאַנצען עסק. נאָר זי מישט זיך, נישט אין איהרע זאַכֿען! ווי קומט דען אַזאַ איידעלער ענין צו אַ פּויערישען פּאָליצייסקי אין דער לאַפּע אַריין! זיי מאַכֿען נאָר קאַליע. אָט אַז אונזער זשאַנדאַרמען-פֿערוואַלטונג נעהמט זיך פֿאַר עפּעס, בּעאַרבּייט זי עס שוין אַרום און אין בּעסטען אָרדנונג! אויף דערויף האָבּען מיר דאָך אַ ,עהרע דורכֿגעמאַכֿט! נו, מ'דאַרף געהן דורך דער טהיר, פֿאָרזיכֿטיג!

מאַכֿט־צו דאָס פֿענסטער. קאָליוואַנאָוו קומט אַריין מיט אַ שטאָפֿער און אַ גלעזעל

קאָליוואַנאָוו

אליין. שטאָפּט אויף דאָס פלעשעל און גיסט זיך אָן אַ גלעזעל

נו, געלויבּט דעם אויבּערשטען! (טרינקט) טייערע משקה, סמירנאָווקע! (גיסט אָן) זאָל זיין נאָך איינס, פֿאַר דער נשמה פֿון די אָבות, זאָלען האָבּען אַ ליכֿטיגען גן-עדן! (טרינקט) אָט אַזוי האָבּ איך ליבּ צו טרינקען, איינער אַליין, אָבּגעזונדערט, בּלויז מיט דער נשמה מיינער, אָהן חברותא. אַזוי איז אָנגענעהמער, אָהן צערעמאָניעס, טרינקסט דיר וויפֿיל דיין האַרץ גלוסט, אָהן בּושה. איצט טאַקי נאָך איינס: דריי איז אַ הייליגע צאָהל (טרינקט). בּראָנפּען פּרימאַ. און איצט נאָך איינס! דריי זענען די הייליגקייטען, מיט גאָטס מוטער זענען פֿיר און אָהן פֿיר האָט מען נישט קיין דירה-ווינקלען. דאַרף מען טאַקי ווידעראַמאָל איינס פֿערבּייסען און אַנ'עק זאָל עס נעהמען! (טרינקט) וואויל! און איצט דאַרף מען זיך בּעהאַלטען!

געהט אַריין אין אַנדערן צימער

גלאַזקאָוו

קומט אַריין

די אַלטע שלאָפֿט, ווי גע'הרג'עט, מ'קאָן ס'גאַנצע הויז

צוטראָגען. (קוקט זיך אַרום) אַזוי-וי! וואָס-זשע האָב איך איצט צו טהון? הייסט עס, זיך אַוועקזעצען און וואַרטען, אפשר וועט ווער פון זיי אַריינפאַלען. (שפּרייזט אַרום איבער'ן צימער) אָט זענען ביכער! (קוקט איבער) „קאַ—פּי—טאַל", פון קאַרל מאַרקס, „סאָציאַ—לע ע—טיק", טע—טע—טע! עס איז עפּעס נישט גלאַטיג!

קוקט בסדר איבער אַלע ביכער. פעדיושין קומט אַריין אויף די שפּיץ־פינגער

פעדיושין

אַך, גאָטעניו, וואָס איך האָב געטהון! ווי איך האָב זיך פערשפּעטיגט! מ'האָט מיר געזאָגט, כ'זאָל גלייך אַהערקומען, בין איך ערשט איצט געקומען! (שמייכעלט) און אַלץ די פערשאָ, טענע מאַשקאַ, אַ רוח אין איהר! דער פּריסטאַוו וועט געוואָהר ווערען, וועט ער מיר די מאָרדע אָנרייבען. נאָר נישט קשה, אפשר וועט עס אַריבער בשלום. (בעמערקט גלאַזקאָוו'ן) אַ—אַ! איין פויגעלע איז שוין אַריינגעפאַלען, זיצט זיך דאָ, אויסגעצייכענט! מ'דאַרף מיט איהם אַ טעיאַטער שפּילען: פאָרשטעלען זיך פאַר אַ זייעריגען און פערפיהרען מיט איהם אַ שמועס, ס'וועט אָנגענעהם זיין!

הוסט

גלאַזקאָוו

קוקט זיך האַסטיג אום, צו זיך

איינעם האָט מיר גאָט שוין צוגעשיקט. מ'דאַרף איהם נעהמען אין דער אַרבייט אַריין.

קאָליוואַנאָוו

שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון דער טהיר

צוויי! מיר וועלען הערען, וואָס זיי וועלען דאָ רעדען. זיי זאָלען נאָר נישט, אַ רוח אין זייער... דעם גאַנצען בראָנפען אויסזויפען!

פעדיושין

גוט נ'אָוועגד, חברו!

גלאַזקאָוו

גוט נ'צוּוענד, קומט, זייט מוחל, אַריין!... איהר זענט גע-קומען צום חבר טאַלין? זיי זענען נישטאָ צוהויז, זיי וועלען באַלד קומען. זיצט דערווייל! איך פערטרעט איהם איצט.

פּעדיושין

איך דאַנק אייך זעהר! (זעצט זיך) איהר זענט געוויס דעם ה' טאַלינס פריינד, ריכטיג?

גלאַזקאָוו

אַ שאלה אַ ביסעל! שוין נישט איינמאָל האָב איך מיט דעם חבר טאַלין צוזאַמען שטיקלעך אַרבייט בעזאָרגט. און איהר?

פּעדיושין

איך? איך בין דער בעסטער פריינד און מיטאַרבייטער זיינער.

גלאַזקאָוו

רוימט איין

איהר זענט, הייסט עס, פון אונזערע?

פּעדיושין

רוימט אויך איין

מיט לייב און לעבען!

חיינקט צו. פויזע.

גלאַזקאָוו

און וואָס הערט זיך מכח דער פערזאַמלונג? זי וועט היינט ביינאַכט פאָרקומען? איהר ווייסט נישט?

פּעדיושין

וואָס הייסט! צוליב דעם בין איך דאָך טאַקי געקומען. עס

וועט עפּעס זיין אַ גרויסער עולם?

גלאַזקאָוו

אַנ׳עולם וועט זיין. אַ מאַן צעהן. מעהר?

פּעדיושין

ס׳וועט זיין מעהר. בלויז סטודענטען, וויפיל וועלען קו-מען. איהר קענט זיי אַלע?

גלאַזקאָוו

נו, איך זאָל זיי נישט קענען! (בעמערקט דעם בראָנפּען) המ... מיר האָבען דאָ אַ ביסעל בראָנפען אויך צוגעגרייט... פון דרייסט-קייט וועגען. איהר טרינקט?

פּעדיושין

אדרבה, נאָר אַ קליינס, אַזוי צוליב חברותא.

גלאַזקאָוו

גיסט אָן

פאַר אייער געזונד! (גיסט אָן פאַר פּעדיושינ׳ען) טרינקט!

פּעדיושין

טרינקט אויס און גיסט אָן

טרינקט איהר אויך! גוטער בראָנפען! קאַליע מאַכען וועט עס נישט...

גלאַזקאָוו

טרינקט אויס און גיסט אָן

טרינקט זשע איהר אויך נאָכאַמאָל! די חברים וועלען גע-וויס נאָך ברענגען.

פּעדיושין

טרינקט אויס און גיסט אָן, שטילערהייד

מיר׳ן עס היינט אָבדרוקען?

גלאַזקאָוו

טרינקט אויס, גיסט אָן

אונבעדינגט!

פֿעדיושין

אָבער איהר ווייסט וואו אַלץ געפֿינט זיך?

ג. . זקאָוו

לאַכענדיג

זאָרגט אייך נישט! אָט דאָ, (ווײַזט אויף דער שאַפֿע) און דאָרט אויך ווײַזט אונבעשטימט.

פֿעדיושין

אַזוי! (פּויזע. טרינקט און גיסט אָן) טרינקט, זייט מוחל, נאָכ־אַמאָל!

גלאַזקאָוו

אַדאַנק! (טרינקט) מ'דאַרף איצט גוט אַכטונג געבען. וויפֿיל שפּיצלעס עס דרעהען זיך היינט אַרום—אַ שרעק!

פֿעדיושין

צוטומעלט

עט, רעד גלייכער נישט! דאָ איז דאָך קיין דורכגאַנג נישטאָ. פֿון וואַנען קאָנען די אידיאָטען עפּעס וויסען!

גלאַזקאָוו

אַן'אונוויסענדע חברה, פּראָסטע פּויערן!

פֿעדיושין

בלויז טויגעניכטסען! (פּויזע)

גלאַזקאָוו

און ביכער צו לעזען האָט איהר עפּעס ליב?

פּעדיושין

אַ שרעק, ווי איך האָב ליב צו לעזען! איך טהו נישט מעהר, נאָר כ׳לעז—און גלויז פערבאָטענע...

גלאַזקאָוו

דאָס איז גוט! און מאַרקס קאַרלאָווס בוך „קאַפּיטאַלען״ האָט איהר שוין געלעזען?

פּעדיושין

כ׳האָב עס פיר מאָל דורכגעלייענט און כ׳קאָן עס נאָך אַלץ נישט אַוועקלייגען. אַ וויכטיגער ראָמאַן! אַנ׳אַנטיקעל—מעג מען ס׳בעסטע עסען און ס׳בעסטע טרינקען אַוועקשטעלען! (רוימט איין) ווי ער זידעלט דאָרט די פּאָליציע, אַ געוואַלד!

גלאַזקאָוו

כ׳וואָלט איהם געוואָלט זעהען, דעם מאַרקס׳ן! ער איז דאָך, דאָס... כ׳מיין, פון אונזערע...

פּעדיושין

פערשטעהט זיך.

גלאַזקאָוו

ער איז דאָ הי? איהר האָט נישט געהערט?

פּעדיושין

הי! ער וועט דאָ קומען. זייט זיכער!

גלאַזקאָוו

אַזוי—וי! און „סאָליסטישער עסיג״ האָט איהר געלעזען?

פּעדיושין

געלעזען. אַ שרעקליך בוך, זעהר אינטערעסאַנט. וואָס פאַר

א שרעקליכע געשיכטעס דאָרט קומען אַלץ פאָר.

גלאַזקאָוו

ריכטיג! (נעהמט דאָס פלעשעל) לעדיג! ס'וואונדערט מיך נאָר, וואָס מ'הערט עפּעס גאָרנישט וועגען די באָנבעס! אפשר האָט איהר עפּעס געהערט?

פעדיושין

געהיימניספול

ווי דען! ס'וועט זיין אַזאַ... איהר האָט דען גאָרנישט געהערט?

גלאַזקאָוו

פאַרוואָס נישט! עטוואָס ווייס איך... מ'וואָלט געדאַרפען דעם ממזר-יונג,—דעם צאַר—אַוועקלעגען, אַזוי ווי זיין פעטער, מיט אַ באָנבע!...

פעדיושין

דאָס וואָלט געוועזען ס'בעסטע! מיט דינאַמיט וואָלט מען זיי, די אַלע אויסוואורפען, בעדאַרפען אַוועקלעגען...

קאָליוואַנאָוו שפּרינגט ארויס מיט'ן רעוואָלווער אין האַנד

קאָליוואַנאָוו

אַ! אַריינגעפאַלען, מיינע טייבעלעך! שטעה! ריהרט זיך ווער פון אָרט—לעג איך איהם אַוועק ווי אַ הונד!

פעד. און גלאַזק.

צוזאַמען

געוואַלד!

קאָליוואַנאָוו

צו, איהר, בונטאָווטשיקעס, אויסוואורפען!

גלאַזקאָוו און פעדיושין מאַכען צו איהם, יעדער פון זיין זייט, עפּעס געהיימע צייכענס

גלאַזקאָוו

האַלב שטיל

וואַשע וויסאָקאָראָדיע! איך בין... אַנ׳אַגענט.

פעדיושין

איגנאַט מאַקסימאָוויטש! איך בין דאָך אַנ׳אַגענט-ס.

קאָליוואַנאָוו

גיט אַ פייף. עס לויפען אריין פיר פּאָליציאַנטן

נעהמט זיי!

גלאַזקאָוו

וואַשע וויסאָקאָראָדיע! איך בין אַנ׳אַגענט! איך בין אַגענט פון זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג. איך האָב אַ בילעט!

פעדיושין

גלייכצייטיג

איגנאַט מאַקסימאָוויטש! איך בין אַגענט פון אָכראַנע! בין נאָר וואָס אָנגעקומען אין דינסט. איהר קענט מיך נאָך נישט. גערעסים פּראַכאָראָוויטש אַליין האָט מיך דאָ אַהערגעשיקט.

גלאַזקאָוו

אַך, דו אַזעלכער און אַזעלכער! לייגסט ווי אַ הונד, מנוול, געמיינער. דו ביזט אַ סיציליסט! דו האָסט עס מיר אַליין געזאָגט.

פעדיושין

דו ביזט אַ סאָציליסט, פערשפּיגענע אויגען, נישט איך! איך בין אַ מענש צו גאָט און צו לייט!...

קאָליוואַנאָוו

נישט גלויבענדיג

גוט, גוט, מאַכט נישט קיין אָנשטעלען! איך ווייס, וואָס פאַר אַנ׳אַגענטען איהר זענט! כ׳האָב געהערט אייער שמועס! נעהמט זיי! (די פּאָליציאַנטען כאַפּען זיי און פיהרען זיי ארויס. מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ בעוויזט זיך אין טהיר און אַ פאַטש טהוענדיג מיט די הענד, בעהאַלט זי זיך) ווי כיטרע זיי זענען! זיי מיינען, אַז זיי וועלען נאָר זאָגען, אַז זיי זענען אַגענטען, לאָז איך זיי גלייך אָב... זיי האָבען אָבער נישט געטראָפען ס׳אָרט! איך בין שוין אַנ׳אַלטער פויגעל, מיך וועט מען נישט אַזוי לייכט פּערנאַרען! (פּויזע) און דאָס זענען נאָך סאָציאַליסטען! אַמאָליגע סאָציאַליסטען האָבען זיך קיינמאָל נישט אָנגעגעבען אַלס אַגענטען (פּויזע) יאָ! כ׳בין נישט אומזיסט געזעסען. איך וועל איצט אפשר אויך בעקומען עפּעס אַ שטיקעל בעלוינונג. כ׳זאָל נאָר אַלץ געדענקען, וואָס זיי האָבען אָנגערעדט. (נעהמט ס׳פלעשעל) דעם בראָנפען האָבען זיי אינגאַנצען אויסגעטרונקען, אויסוואורפען!

פּירסאָוו

פּערסאָפּעט

זיין עקסעלענץ אַליין! נו, וואָס הערט זיך דאָ ביי דיר?

קאָליוואַנאָוו

צוויי חברה-לייט האָב איך אַרעסטירט,—זיי זענען דאָרט!

פּירסאָוו

גוט געטהון! (ווארפט זיך צו דער טהיר) בעהאַלט דאָס פלעשעל!

(געהט ארויס. עס קומט אריין דער פּאָליציי־מייסטער, נאָך איהם טאָלין בעגלייט פון פּאָליציאַנטען און פּירסאָוו)

פּאָל. מייסט.

(ווארפט אַ שארפען בליק איבער׳ן צימער. פּירסאָוו און קאָליוואַנאָוו שטעלען איהם אונטער אַ שטוהל. ער זעצט זיך. צו טאָלינ׳ען)

אַלזאָ, זאָגט איהר?

טאלין

ענטשולדיגט, איך זאָג גאָרנישט! איך פרעג אייך נאָר, וואָס זאָל דאָס בעדייטען, אָט די קאָמעדיע? פריהער שיקט מען מיך אַרויס און דערנאָך שלעפּט מען מיך צוריק!

פּאָל. מייסט.

מיר'ן אייך דאָס באַלד אויפקלערען. (צו פּירסאָוו'ן) וואָס וועט איהר זאָגען?

פּירסאָוו

...יך, אייער עקסעלענץ, האָב ענטדעקט!... אַ געהיימע אָפּ-טיילונג מיט פערבאָטענע ביכער, דאָ אין דער שאַפע! אויף דער צייט, וואָס איך בין געפאָהרען צו אייך, אייער עקסעלענץ, האָב איך דאָ דערווייל איינגעאָרדענט אַ נעץ...

פּאָל. מייסט.

אונצופרידען

האַ? וואָס פאַר אַ נעצען?!...

פּירסאָוו

ענטשולדיגט מיר! כ'האָב זיך טועה געווען, אייער עקסע-לענץ, כ'מיין, כ'האָב אַ מענש אַוועקגעזעצט...

קאָליוואַנאָוו

...יך!...

פּירסאָוו

ריכטיג! דורך דער צייט, וואָס ער איז דאָ געזעסען, זע-נען צוויי פערברעכער דאָ געקומען און ער האָט זיי אַרעסטירט.

קאָליוואַנאָוו

אייער עקסעלענץ! בעפעהלט מיר צו ראַפּאָרטירען!

פּאָל. מייסט.

פּערמאַטערט

נאָר קורץ און שאַרף!

קאָליוואַנאָוו

איך בין מיר אַזוי, אייער עקסעלענץ, דאָ געזעסען, זע־נען זיי אַריינגעקומען: פריהער איינער, דערנאָך דער צווייטער. זענען אַריינגעקומען, האָבען זיך אַוועקגעזעצט און האָבען גענו־מען טרינקען בראָנפען, אַלזאָ, גאָרנישט, איך זיץ מיר...

פּאָל. מייסט.

קורץ, צו דער זאַך!

קאָליוואַנאָוו

דערנאָך האָבען זיי גענומען רעדען, פּלוידערן וועגען ביל־לעך. פריהער האָבען זיי גערעדט פערשידענע נאַרישקייטען, דערנאָך האָבען זיי גענומען זידלען דעם צאַר. זיי האָבען גע־זאָגט (רוקט זיך צו נאָהנט צום פּאָל. מייסט.) מ'וואָלט בעדאַרפט דעם ממזר מיט אַ באָנבע!...

פּאָל. מייסט.

אַ טופּע טהוענדיג מיט'ן פוס

האַלט ס'מויל! (קאָליוואַנאָוו שפּרינגט־אָב. צו טאַלינ'ען) האַ? וואָס זאָגט איהר דערצו?

טאַלין

וואָס האָב איך אייך צו זאָגען! איהר מעגט אייך גלויבען אַלערליי שפּור-הינד!

פּאָל. מייסט.

פיהרט אַריין די אַרעסטירטע.

קאָליוואַנאָוו פיהרט אַריין גלאַזקאָוו'ן און פּעדיושינ'ען

קאַליוואַנאָוו

אָט זענען זיי!

גלאַזקאָוו

פאַלט אויף די קניה

אייער עקסעלענץ! האָט רחמנות! מאַכט מיך נישט אומגליקליך! כ׳בין נישט שולדיג! איך בין אַגענט פון זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג. כ׳בין דאָ אַהערגעקומען, געוואָלט עפּעס אויסשמעקען. דערנאָך איז דער אויך געקומען, ער איז פון אָכראַנע. מיר האָבען זיך נישט געקענט איינער דעם צווייטען. יעדער פון אונז האָט געמיינט, אַז דער צווייטער איז אַ פערברעכער און מיר האָבען אויף צופּליס געערדט נאַרישקייטען. אייער עקסעלענץ, מאַכט מיך נישט אומגליקליך!

פעדיושין

צו פירסאָוו׳ן

וואַשע בלאַגאָראָדיע!...

פירסאָוו

ווי פערשטיינערט

פעדיושין! דו? באַלוואַן.

פעדיושין

וואַשע בלאַגאָראָדיע, פאַרוואָס האָט מען מיך אַרעסטירט? איהר האָט דאָך מיך אַליין אַהערגעשיקט. כ׳האָב זיך נאָר עטוואָס פערשפּעטיגט. וואַשע בלאַגאָראָדיע, איך בין דאָך מיט לייב און לעבען...

פירסאָוו

צו קאַליוואַנאָוו׳ן

וואָס האָט איהר דאָ אָנגעאַרבייט? גזלנים! טרייבט די

אַרויס! איהר האָט מיך געקוילעט!

קאָליוואַנאָוו

פערלוירען

כ'בין שולדיג! (צו די אַגענטען) אַוועק!

פּאָל. מייסט.

בייז

וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַרישע קאָמעדיע?

די אַגענטען און קאָליוואַנאָוו געהען אַב

פּירסאָוו

ענטשולדיגט, אייער עקסעלענץ!

פּאָל. מייסט.

אומגעדולדיג

אַלזאָ, כ'זעה שוין, ס'איז דאָ ביי אייך גאָרנישט מיט גאָרנישט! וואו האָט איהר דעם סקלאַד? וואו איז די דרוקערײ. ווייזט שנעלער! איך הויב אָן צו פערלירען דאָס געדולד מיט אייך. (צו טאַלינ'ען) מ'דאַרף האָבען אַ געוואַלדיג געדולד, כדי זיך נישט צו פערגעסען מיט אָט די מענשען.

טאַלין

איהר קאָנט זיך מיט זיי עסקים האָבען?

פּירסאָוו

רוקט אָב די שאַפע, נעמט פייערליך אַרויס דאָס טהירעל

אָט איז אייער עקסע... (פאַר אַלעמענס אויגען בעוויַזט זיך דער חלל פון דער שאַפע, וואו עס הענגען צוויי פאַר הויזען. פּירסאָוו, ערשטוינט שפּרינגט אָב צוריק. ציטערט איינגאַנצען. פריהער שטאַמעלט ער עפּעס, דערנאָך צושרייַט ער זיך היסטע־ריש) אייער עקסעלענץ! זיי האָבען בערויבט! זיי האָבען געקוי־לעט! די זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג!...

פאָל. מייסט.

איבעראַשט

איהר מוזט זיין שכור, אָדער משוגע? וואָס זאָל דאָס בע-דייטען?

פירסאָוו

אייער עקסעלענץ! זיי האָבען בערויבט! געקוילעט! די זשאַנדאַרמען-פערוואלטונג!

פאָל. מייסט.

זיענדיג די ווערטער, אין כעס

געהט צום טייוועל! איהר זענט שכור! איהר דינט מעהר נישט! (פויזע. קומט צו זיך. צו טאַלינ׳ען) יונגערמאַן! כ׳בעט אייך אי-בער, וואָס כ׳האָב אייך אומזיסט פערשאַפט אַזויפיל אונאָנגענעהמ-ליכקייט. לויט דער מסירה פון אָט דעם האַלב משוגע׳נעם האָ-בען מיר אייך אַרויסגעשיקט און איצט אייך אומגעקעהרט צוריק און געגויט אייך צו שפּילען אַזאַ מאָדנע ראָלע. איהר זעהט דאָך, אַז זיי האָבען מיך אויך געגויט צו שפּילען אַזאַ נאַרישע ראָלע. איהר קאָנט דאָ איבערבלייבען. קיינער וועט אייך שוין מעהר נישט בעאונרוהיגען. איך גאַראַנטיר אייך דערפאַר! (פער-צייגט זיך) אַדיע!

טאַלין

קאַלט

אַדיע!

דער פאָל. מייסטער געהט אָב, נאָך איהם דערשלאָגען—פירסאָוו. מאַרפאַ איוואַ-נאָוונא קומט אונענטשלאָסען אריין

מאַרפאַ איוו.

טייבעלע! מיכאַיליטש טייערער! לעבסט? ביזט גאַנץ? כ׳האָב מיך אַזוי געשראָקען פאַר דיר, אַז דער בויך טהוט מיר אַזש

וועה! כ'האָב געמיינט, אַז זיי וועלען דיך צורייסען, אָט די געצען, די פּאָליציייאישע קראָהען! חבר זיך נישט מיט זיי, ווי גאָט איז דיר ליב, געדענק אָן זיך! קאָן מען זיך דען פערלאָזען אויף אַ פּאָליציאַנט? היינט איז ער מיט דיר חבר-לאַפּ און מאָרגען—האָסטו נאָר געטהון עפּעס נישט, ווי ער וויל—נעהמט ער דיך באַלד אין דער לאַפּע אַריין און קאָנסט שוין אַמאָל די ליכטיגע שיין נישט אָנקוקען! וואָס-זשע שווייגסטו? ביזט נעבעך אַליין אויך אָנגעשראָקען, ליבינקער? זעהסטו שוין! האָסט זיך עפּעס שוין בענאַרישט? ביים מיידעל דיינעם מסתמא עפּעס אַ נאַרישקייט געטהון? די ליובקעס וועלען דיך צו קיין גוטס נישט ברענגען! דאָס קריגעל האָט זיך איינגעוועהנט נאָך וואַסער צו געהן, וועט עס שוין דאָרט אויך פערלוירען געהן!

געהט אָב

טאַלין

אַליין

וואָס בעדייט דאָס? איז עס נישט קיין חלום? (אויסגלייכענדיג זיך) אונזער גאָט, הייסט עס, לעבט נאָך און אונזער שטערען לייכט. זאָל לעבען די רעוואָלוציע!

(פאָרהאַנג)

דער זיידע.

איינאַקטער.

פערזאָנען.

מיכֿאַיל יעגאָראָוויטש יערשאָוו—טהוער אין דער זעמסטוואָ*), זעכציג יאָהר אלט.

איקטאָר—א סטודענט. } זיינע קינדער
ליזאַ—קורסיסטקע }

לאָווצאָוו—סטודענט

אַנדריי איוואַנאָוויטש קאַנדעיעוו—געוועזענער קאטארזשניק, 55 יאָהר אלט.

פיאָדאָר קוהיידאָוו—פויער, דינט ביי יערשאָוו'ן.

זשאַנדאַרמען-קאַפּיטאַן

זשאַנדאַרמען.

די האנדלונג קומט פֿאָר אין אַן אוניווערזיטעט־שטאָדט, פאר'ן 17־טען אָקטאָבער 1905

ביי יערשאָוו'ן אין הויז. וויקטאָרס צימער. סטודענטיש מעבעל. רעכטס—אַ טהיר פון גאַס. לינקס—אַ טהיר אין די אינעווענינסטע צימערן. אָוועגד. וויק־טאָר זיצט ביים טיש און אַרבייט.

וויקטאָר

אליין. פערמאַכט דאָס בוך

דאָך אַמאָל געענדיגט. איצט וועל איך דורכקוקען די נעכ־טיגע לעקציע או, דערנאָך גלייך אין קליניק אַריין. (שטעהט אויף. ענטשלאָסען מ'דאַרן ענדליך אַראָבוואַרפען פון זיך אָט די משא! איך בין שוין שרעקליך פערמאַטערט פון דער האַלבער אַרבייט, פון צורייסען זיך אויף צווייען: פון איין זייט דער אוניווערזי־טעט, פון דער צווייטער—די רעוואָלוציע—און ס'קומט אַרויס נישט צו גאָט און נישט צום טייוועל. (פויזע) פון איצט אָן, עס זאָל אפילו דונערן, וועל איך זיך דעם גאַנצען סעמעסטער נישט אָברייסען פון דער לעהרע. כ'וועל בעלעגען דעם לעצטען עק־זאַמען, דערנאָך אַריינטרעטען אין זעמסקע דינסט אַלס דאָקטאָר און דאַן וועל איך זיך ערשט איינגאַנצען אָבגעבען דער רעוואָ־לוציאָנערער אַרבייט.

ועצט זיך און אַרבייט. די טהיר עפענט זיך אונזיכער אויף און עס קומט אַריין ליזאַ מיט אַ ביכעל

ליזא

כ'שטער דיר נישט?

וויקטאָר

נישט אָבריײסענדיג זיך פון דער ארבייט

וואָס איז?

ליזא

ערקלער מיר, כ'בעט דיך, איין שטעל, עטליכע פראַזען, וועלכע כ'קאָן בשום אופן נישט פערשטעהן

וויקטאָר

רייסט זיך נישט אָב פון דער ארבייט

וואָס לייענסטו?

ליזא

מאַרקס'ן... שרעקליך שווער.

וויקטאָר

טהוט א קוק אויף איהר

וואָס האָסטו זיך עפּעס פּלוצלונג גענומען צו מאַרקס'ן?

ליזא

גאָרנישט פּלוצלונג. כ'האָב זיך שוין לאַנג געקליבען.. (װעצט זיך) איך האָב בעשלאָסען צו וואַרפען די גאַנצע אַרבייט אויף די קורסען, די לעקציעס און נעהמען זיך אויסשליסליך צ פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע.

וויקטאָר

פאַרוואָס גראָד אַזעלכע וויסענשאַפטען? און פאַרוואָס עפּע פון מאַרקס'ן?

ליזאַ

‏'מוז דאָך אַמאָל זיך קאָנען אָריענטירען אין די חלוקי-דעות. (פערבּיטערט) דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלען, ווי איך מאַטער זיך די לעצטע צייט. כ'וויים נישט, אפשר האָב איך ווירקליך אַזאַ טעמפּען קאָפּ, נאָר איך קאָן זיך נישט פונאַנדער-קלויבען, כ'קאָן זיך נישט בעשליסען, ווער עס האָט רעכט און ווער עס האָט אַ טעות... הער איך די טעראָריסטען, דוכט זיך מיר, זיי האָבען פאָלקאָם רעכט. הער איך אַנדערע-הויב איך אָן זיך איבערצייגען גראָד פערקעהרט. דעריבּער האָב איך בּע-שלאָסען פאַר יעדען פּרייז דורכצושטודירען „קאַפּיטאַל".

וויקטאָר

און דו רעכענסט דאָס צו דערגרייכען, אַז דו וועסט דורכשטודירען „קאַפּיטאַל"? ווייסטו דערפון, אַז ס'איז איצט שוין פאַרהאַן אַ ריזיגע ליטעראַטור—„קריטיקער פון מאַרקס'ן" און אויך אַזאַ ריזיגע ליטעראַטור—קריטיקער איבּער די קריטיקער? דעריבּער, כּדי צו קאָנען זיך אָריענטירען אין די פּראַגען פון עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם, אָדער דעם דיאַלעקטישען מעטאָד, דאַרף מען שטודירען פילאָזאָפיע, דאַרף מען...

ליזאַ

וואָס-זשע איז דיין מיינונג? פון וואָס אָנהויבּען? פון וואָס האָסט דו אָנגעהויבּען?

וויקטאָר

איך... פון דעם, פון וואָס דו הויבּסט אָן, דעריבּער ווייס איך אויך גאָרנישט. (שפּרייזט איבּער'ן צימער, אויפגערעגט) די צרה מיט אונז אַלעמען איז, וואָס מיר זענען אַלע דאָקטרינערן, אָט וואָס: איך האָב נאָך געלייענט מאַרקס'ן, ווען כ'בּין אַלט געווען זיבּ-צעהן יאָהר, ווען כ'האָב נאָך דעם מינדעסטען בּעגריף נישט גע-האַט וועגען רוסישען לעבּען. איך האָב דאַן געזוכט נישט דעם אמת, וואָס שטיצט זיך אויף'ן לעבּען, נאָר די פיינע טעאָריע—

און איך האָב עס בעקומען. דערנאָך האָב איך מיך בעמיהט אַריינצופּאַסען ס'לעבען אין סדום-בעטעל פון דער טעאָריע...

ליזאַ

וואָס-זשע דאַרף מען טהון? ווי אַזוי? לערן מיך!

וויקטאָר

פריהער דאַרף מען קאָנען לערנען דאָס רוסישע לעבען און דערנאָך ערשט צופּאַסען די טעאָריע צום לעבען, נישט דאָס לעבען צו דער טעאָריע...

א קלאַפּ אין טהיר. יערשאָוו קומט אַרײַן

יערשאָוו

וועגען וואָס דיסקוטירט איהר דאָס אַזוי הייס?

וויקטאָר

וועגען דער בעציהונג פון דער טעאָריע צו דער ווירקליכקייט.

יערשאָוו

שמייכלענדיג

אַ פערדעכטיגע טעמע פאַר'ן צענזאָר! איהר וואָלט גלייכער גערעדט וועגען „ליבע צום פאַטערלאַנד און נאַציאָנאַלען שטאָלץ" (צו ליזאַ'ן) געה, ליזאָטשקע, גיב אַ קוק צי מ'האָט געבראַכט די פּאָסט.

ליזא געהט אָב

יערשאָוו

ארומקוקענדיג זיך

אַ פריש נומערל „אָסוואָבאָזשדיעניע" איז אָנגעקומען, איז די פינגער צו לעקען, עהרענוואָרט! פון מאַנכע אַרטיקלען איז פשוט ענטציקט צו ווערען! פשוט גערצען! כ'וועל עס דיר איז

אָוועגד ברענגען, ווערסטו זעהן. אַ וואוילער יונג, דער סטרואווע! ער טרעפט אין פינטל!

וויקטאָר

אין פינטל אַריין?

יערשאָוו

אין פינטל, ברודער, אין פינטל. גלויב מיר, איך קען בעסער דאָס לעבען פון דיר. דו קענסט דאָך, אין אַלגעמיין, מיינע אָנשויאונגען. איך האָב זיך נישט געביטען. איך בין געבליבען דערזעלבער ווי מיט דרייסיג יאָהר צוריק, ווען כ׳בין געגאַנגען אין פאָלק. נאָר איך, ברודער, רעכען זיך מיט דער פּאַקטישער לאַגע. איצט איז אויפ׳ן טאָג-אָרדנונג די פראַגע וועגען קאָנסטיטוציע—און אויב עס קאָן זי ווער אויסקעמפען—איז עס נאָר די זעמסטוואָ, דער ליבעראַלער טייל פון דער געזעלשאַפט.

וויקטאָר

דורך אַלאונטערטעניגסטע אַדרעסען, דורך עלעגאַנט פּראָנדירען?

יערשאָוו

ביי דיר איז אַלעמאָל דאָסזעלבע! ביי דיר שפּילט די פאָרם אַ גרעסערע ראָל, ווי דער אינהאַלט. הער, דאָס וועט דאָך זיכער בלייבען צווישען אונז. מיט דריי טעג צוריק האָט מיר אַלעקסיי גאַווריל אָוויטש דערצעהלט,—און ער ווייסט עס פון דער זיכערסטער קוועלע, אַז דער צאַר אַליין וויל געבען אַ קאָנסטיטוציע, אַז ער האָט פעסט בעשלאָסען, פערשטעהסטו מיך, צו געבען קאָנסטיטוציע, נאָר די אַרומיגע קאַמאַרילע מיט פּאָבּיע-דאָנאָסצעוו׳ן בראש לאָזען נישט צו.

וויקטאָר

נו, איז וואָס דעריבער?

יערע אָװ

נו, הייסט עס, אַז אין די העכערע ספערען קומט פאָר אַ שטאַרקער און ערנסטער פּאַרטיי-קאַמף. און אויב די לינקע פּאַרטיי װעט בעקומען אַ דרייסטע און שטאַרקע אונטערשטיצונג אין דער זעמסטװע—קאָן זי זיגען... װאָס דען מיינסטו, װיטטע װאָלט געװאַגט צו שפּילען אַזאַ ריזיקאַלישע שפּיל, װען ער זאָל נישט שפּירען הינטער זיך אַזאַ שטאַרקע פּאַרטיי?... מיט צװיי װאָכען צוריק האָט פּיאָטר אַלעקסייעװיטש געהאַט אַן-אױדיענץ ביי װיטטע׳ן. האָט איהם װיטטע צװיי װערטער נאָר געזאָגט, אַז פּיאָטר אַלעקסעייװיטש איז איבעראַשט געװאָרען.

ליזאַ קומט אריין

ליזאַ

מען האָט געבערענגט די פּאָסט, פּאַפּאַ. מ׳װאַרט דאָרט אויף דיר. (יערשאָװ געהט ארויס) װאָס האָט דער פאָטער מיט דיר גע-רעדט?

לאָװרצאָװ קומט אריין

לאָװרצאָװ

צו װיקטאָר׳ן

גוט נ׳אָװענד! גוט נ׳אָװענד עליזאַװעטאַ מיכאַילאָװנאַ! איך האָב צו אייך, מיינע ליבע, עפּעס אַנ׳עסק. מיר מוזען אויף עטליכע טעג אויסבעהאַלטען איינעם אַנ׳אונלעגאַלען. אין דער גאַנצער שטאָדט איז נישטאָ קיין איין זיכערע דירה. ס׳איינציגע זיכערע אָרט איז ביי אייך. מען קאָן?

װיקטאָר

נו, װאָס פאַר אַ פראַגע? געװיס קאָן מען!

ליזאַ

געװיס, געװיס! װאו איז ער?

לאָווצאָוו

איך קום באַלד מיט איהם. נאָר מאַכט אַזוי, אַז קיין זייטיגע מענשען זאָלען נישט זעהן.

וויקטאָר

ס'וועט שוין זיין אין אָרדנונג. זיי רוהיג. געה, ברענג איהם אַהער.

לאָווצאָוו אָב

ליזאַ

ווי אַזוי טהוט מען, דער פּאַפּאַ זאָל איהם נישט זעהן. ווייסט, איך וועל איהם אָבטרעטען מיין צימער און איך וועל געהן נעכטיגען צו אָלע'ן. צו מיר אין צימער קומט דער פּאָטער קיינמאָל נישט אַריין. נאָר ווי אַזוי וועט זיין מיט פיאָדאָר'ן?

וויקטאָר

פאַר פיאָדאָר'ן שרעק איך זיך נישט. איהם דאַרף מען נאָר זאָגען, ער זאָל נישט פּלוידערן—און גענוג. ער האַלט אַ סוד

פיאָדאָר קומט אַריין מיט האָלץ

פיאָדאָר

מ'דאַרף איינהייצען. אַ פראָסט!

זעצט זיך אַראָב צו דער ערד און נעהמט איינהייצען אין אויוועז

ליזאַ

צו וויקטאָר'ן

וועגען וואָס האָט דער פאָטער מיט דיר גערעדט?

וויקטאָר

ער האָט, ווי געוועהנליך, ענטוויקעלט זיינע פאַנטאַזיעס

ווען ליבעראַלער ריכטונג. דער צאַר, זאָגט ער, וויל געבען קאָנסטיטוציע, נאָר מען לאָזט איהם נישט.

פיאָדאָר

אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ

און אַ שטייגער, ווען ערד, הערט מען גאָרנישט?

וויקטאָר

וואָס הייסט „ווען ערד"?

פיאָדאָר

ווען צוטיילען ערד, הייסט עס, עס וועט נאָך לאַנג געדויערן?

וויקטאָר

ווער וועט דאָס זי צוטיילען, די ערד?

פיאָדאָר

ס'פערשטעהט זיך ווער: דער צאַר! ווער דען?

וויקטאָר

נאַרישקייטען, ברודער, ס'הויבט זיך נישט אָן. דער צאַר וועט אייך גאָר'נישט צוטיילען. איהר האָפט אומזיסט.

פיאָדאָר

נו, באַרין, דאָ ביזטו שוין געכאַפּט... אין דידאָזיגע זאַכען פערשטעהסטו דאָך גאָרנישט... אַ צוטיילונג וועט בעשטימט זיין. מ'זאָגט אפילו, אַז די גאַנצע ערד, וואָס איז דאָ ביי די פּריצים, וועט מען צונעהמען און אַוועקגעבען די פּויערים. מ'שמועסט, אַז ס'וועט זיין אַ מאַניפעסט פון צאַר..

וויקטאָר

שוין באַלד פערציג יאָהר וואַרט איהר אויף אַ מאַניפעסט.

ווען דער צאַר וואָלט געוואָלט געבען ערד, וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט געגעבען.

פיאָדאָר

געגעבען וואָלט ער! און דער סינאָד וואָס וואָלט געזאָגט? אודאי וואָלט ער געגעבען, נאָר דער סינאָד, צו אַלדי רוחות, שטערט און לאָזט נישט... נאָר, שוין נישט לאַנג וועלען זיי נאָך ווילדעווען! מ'דערצעהלט, אַז איין סאָלדאַטעל האָט זיך דער״לאָגען ביז צום צאַר אַליין און האָט איהם אַלץ דער-צעהלט. און דער צאַר ווייסט שוין איצט אַלץ!

וויקטאָר

צו ליזא'ן

נו, און געה טענה זיך מוט איהם אויס!

פיאָדאָר

מ'דערצעהלט נאָך עפּעס: דער צאַר האָט צונויפגערופען די פריצים, די שררות און נאָך דאָרט פערשידענע סענאַטאָרען און האָט צו זיי געזאָגט: טרעפט מיר, זאָגט ער, אַ רעטעניש. כ'האָב—זאָגט ער—אַ טייער רייט-פערד, וואָס קיין בעסערס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ, ווייס איך נישט, וועלכען זוהן עס צו געבען—דעם עלטסטען, צי דעם מיטעלסטען, צי דעם יונגסטען? דער עלטסטער קאָן גוט זיצען אויפ'ן פערד, האָט ער אָבער שוואַכע הענד, ער וועט זיך נישט קאָנען קיין עצה גע-בען. דער מיטעלסטער האָט שטאַרקע הענד, האָט ער אָבער קורצע פיס. און דער יונגסטער האָט הענד און פיס, ווי ס'דאַרף צו זיין. וועמען-זשע זאָל איך געבען דאָס פערד? זאָגען די שררות צום צאַר: „גיב אונז צייט דריי טעג צו בעטראַכטען זיך, דערנאָך וועלען מיר געבען אַ תשובה.״ האָט זיי דער צאַר גע-געבען דריי טעג צייט אויף צו בעטראַכטען זיך. אין דריי טעג אַרום זענען זיי געקומען. פרעגט זיי דער צאַר: „נו, איהר האָט געטראָפען?״ „געטראָפען,—זאָגען זיי,—אדוני מלך. דאָס טייערע

פערד קומט דעם יונגסטען. נישט דער עלטסטער, נישט דער מיטעלסטער וועלען קיין עצה זיך נישט געבען און פאַר דעם יונגסטען איז עס ווי אָנגעמאָסטען". זאָגט צו זיי דער צאַר: „שרייבט אונטער". האָבען זיי אונטערגעשריבען. (ער שטעלט זיך אויף. ציהט די ווערטער) דע-מאָלט איז דער צאַ-אַר אויפגעשטאַנען, פערוואָרפען די לענטע איבער'ן אַקסעל און אַזוי געזאָגט: „איהר האָט זיך אַליין בעגראָבען. איך האָב דריי זיהן—דאָס מיינט מען: די שררות, די סוחרים און די פויערים. און דאָס טייערע פערד— דאָס איז די ערד. די שררות, כאָטש זיי זענען דער עלטסטער קלאַס, האָבען זיי אָבער שוואַכע הענד, זיי קאָנען נישט אַרביי- טען; די סוחרים האָבען קיין פיס נישט, זיי שטעהען נישט פעסט אויף דער ערד, זיי וואַרפען זיך אין אַלע זייטען; און די פויערים, אַזוי ווי זיי שטעהען פעסט אויף דער ערד און אַרביי- טען קאָנען זיי אויך—קומט זיי די ערד. איהר האָט אַליין צו- גע'פסק'ענט..." האָט איהר אייך. זאָגט איהר גאָר, אַז ס'איז נאַ- רישקייטען!

וויקטאָר

דאָס אַלץ איז מעשות, ברודער, מעשות!

פיאָדאָר

מעשות זאָגסטו? און דעם צאַרס פּאָרטרעט האָסטו שוין געזעהן?

וויקטאָר

געזעהן.

פיאָדאָר

האָסטו בעמערקט, אַז ער האָט נאָר איין אויער?

ליזאַ

ס'טייטש איין אויער?

וויקטאָר

דער פּאָרטרעט מוז מסתמא זיין אין פּראָפיל.

פּיאָדאָר

יאָ, מיט איין אויער. זעהסט דאָך, ביי מיר און ביי דיר איז פאַרהאַן צו צוויי אויערן און ביים צאַר נאָר איינס. פאַר-וואָס איז דאָס, האַ?

וויקטאָר

נו, זאָג, פאַרוואָס?

פּיאָדאָר

זעהסטו, אַנו, טרעף? ניש׳קשה, מען ווייסט פון דעם! אַלע צוליב דער ערד!

ליזאַ

וואָס הייסט?

פּיאָדאָר

דאָס הייסט! הער: די שררות זענען זיך צונויפגעקומען ביים צאַר אין שטוב. זאָגט צו זיי דער צאַר: „דער עולם, ס׳הייסט די פויערים, זענען שרעקליך אָרים. מ׳דאַרף זיי אַוועק-געבען די ערד. אַז נישט, האָבען זיי נישט פון וואָס שטייערן צו צאָהלען”. האָבען די שררות אַלע ווי איין מאַן געענטפערט „מיר ווילען נישט. די פויערים—זאָגען, זיי—ווילען אַזוי זעהן די ערד, ווי איהר, אדוני מלך, עהט אייערע אויערן!” זאָגט צו זיי דער צאַר: „און אַז איך׳עוועל יאָ זעהן מיין אויער, וואָס וועט זיין? וועט איהר יאָ געבען די ערד?”—„וועלען מיר יאָ געבען”. זיי האָבען געמיינט, אַז ער זאָגט דאָס אויף אַ געלעכ-טער. נו, האָט דער צאַר אַרויסגעכאַפּט די שווערד, האָט זיך אָבגעהאַקט אַנ׳אויער און אַ קוק געטהון דערויף. מילא, האָבען זיך די שררות געמוזט אונטערגעבען! און דער צאַר איז גע-

בליבען מיט איין אויער! זאָגט איהר אַז נישט!

געהט ארויס

ליזאַ

גאָט מיין איינציגער! וואָס פאַר אַ פינסטערניש! צי וועט אַמאָל דורכשלאָגען אַ שטראַהל דורך איהר?

וויקטאָר

אייגענטליך איז ביים פּאָטער און ביי פּיאָדאָר'ן פּונקט דיזעלבע אידעאָלאָגיע. ביידע גלויבען, אַז דער צאַר האָט בלויז גוטע כּונות, ביידע לעגען די גאַנצע שולד נאָר אויף די אַרו-מיגע הויף-קאַמאַרילע, ביידע פאַנטאַזי'רען, אַז דער צאַר זאָל דערהערען זייער שטים. און ביי ביידע נעהמט זיך דאָס אַלץ פון נישט גלויבען אין די אייגענע כּחות.

לאָווצאָוו און קאַנדעיעוו קומען אַריין. דער לעצטער — אין אַ מונדיר פון אַ סטר־דענט, דאָס פּנים פערהילט אין אַ באַשליק

קאַנדעיעוו

ווארפט אראָב דעם באַשליק, דעם פּאַלטאָ און דאָס היטעל

נו, אַדאַנק דיר, גאָטעניו! אַראָב דעם כאָמוט! אַ גאַנצען טאָג האָבען זיי מיך אין דעם אַרומגעפיהרט! (צו וויקטאָר'ן און ליזאַ'ן) גוט נ'אָוועגד, בעלי-בתים! שוועסטער-ברודער?

וויקטאָר

יאָ.

קאַנדעיעוו

קוקט אויפ'ן טיש

ביכער אָהן עין הרע! אַ פּאַק מיט חכמות! ס'כאַפּט אַזש אָן אַ שרעק! וואָס, אין אוניווערזיטעט?

לאָווצאָוו

נו, אַרויס מיט שאלות! איהר וועט זיך גלייכער אויסרוהען.

איהר זענט דאָך צוויי נעכט נישט געשלאָפען.

קאַנדעיעור

אָט אַנ׳אָנשיקעניש! אַ ניאַנקע פון זיין ליבען גאָמען! דאָ רוה, דאָ עס, דאָ טרינק. לאָז מיך מיט אַ מענש ריידען! רוה! גערוהט גאָט צו דאַנקען גאַנצע צוואַנציג יאָהר! די זייטען טהוען נאָך וועה.

לאָוצאָור

מיט אייך איז נישט אויסצוקומען! (נעהמט אַרויס פון טאַש ברויט מיט הזורשט) אָט איז פראָוויזיע פאַר אייך.

קאַנדעיעור

אוי דו מאַרפאַ, מאַרפאַ... נו, אַדאַנק דיר, חבר, זיי נישט בייז. איך בין שוין אַזוי. נו, איצט געה דיר. האָסט גענוג אַר-בייט... גיב צו וויסען גוטע בשורות... און געדענק, אַז מעהר ווי צוויי טעג קאָן איך דאָ נישט בלייבען, איך מוז זיין, ווייסט דאָך וואו...

לאָוצאָור

נאָר למען השם, איהר זאָלט נישט אַרויסגעהן פון שטוב. די גאַסען זענען פול מיט שפּיצלעס.

קאַנדעיעור

לאַכענדיג

נו, גוט, גוט! כ׳וועל זיך גוט אויפיהרען. כ׳וועל זיך אַרונטערשטעלען אונטער אַ גלאָז!

לאָוצאָור אָב

קאַנדעיעור

אַ וואוילער יונג! נאָר אַזאַ קאָנספּיראַטאָר, אַז ער קאָן דעם געזונדסטען מענשען אין איינע דריי טעג אין קבר אַריינטריי-

בען. היינט האָט ער מיך אַ גאַנצען טאָג אין אָט די קאָמעדיאַנ-
טישע בגדים אַרומגעפיהרט איבער דער שטאָדט: צופוס, מיט
דער פוהר און מיט דער „קאָנקע". דאָס האָבען מיר זיך פון
די שפּיאָנען געראַטעוועט. כאָטש איך בין זיכער, אַז קיין שפּיאָ-
נען האָבען זיך נאָך אונז נישט געיאָגט. און אויב זיי האָבען
אונז יאָ געיאָגט, איז עס דערפאַר, ווייל מיר זענען געלאָפען.
איך בין צוויי וואָכען געוועזען אין מאָסקווא און בין פראַנק און
פריי אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען. און דאָרט זענען טאַקי
פאַרהאַן שפּיאָנען אויף טריט און שריט, נאָך דערצו אַזעלכע,
וואָס האָבען זיך שוין געיאָגט נאָך מיר. און פונדעסטוועגען
גאָרנישט. איך האָב זיך אָנגעטהון ווי אַ גלח, איך געה און צלם
זיך פאַר יעדען גאָטס הויז און דאָס בייז אַנטלויפט פון מיר,
ווי אַ שד פון ווייַרויך.

ליזאַ

איהר, הייסט עס... זענט פון טורמע אַנטלאָפען?

וויקטאָר

ליזאַ! וואָס פאַר אַ פראַגען?

קאַנדעיעוו

אָט הויבט איהר שוין אויך אָן קאָנספּירירען. פאַרוואָס
נישט פרעגען? איהר בעהאַלט דאָך מיך אויס, זאָל איך זיך פאַר
אייך אויך בעהאַלטען? איך קאָן דאָס נישט פערטראָגען! יאָ,
מיין ליב מיידעל... ווי רופט מען אייך?

ליזאַ

מיך, ליזאַ און איהם, וויקטאָר.

קאַנדעיעוו

כ׳וועל אייך טאַקי אַזוי רופען, ליזאַ און וויקטאָר און אַז
איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך אייך זאָגען „דו". אַנ׳אַלטע

פויערשע געוועהנהייט. איך קאָן דאָס יונגוואַרג נישט „איהרצען“!

ליזאַ

ביטע! כ׳בין זעהר צופרידען!

קאַנדעיעוו

צו וויקטאָר׳ן

און דיך פרעג איך אפילו נישט. מעגסט בייז זיין, אַז ס׳געפעלט דיר נישט.

וויקטאָר

גוט!

קאַנדעיעוו

אַלזאָ, ווילט איהר, מיינע ליבע, וויסען, ווער און וואָס פאַר איינער איך בין? אדרבא! אין די זיבעציגער יאָהרען בין איך געוועזען אַ סטודענט. האָב איך געוואָרפען דעם אוניווערזיטעט, בין אַוועק אין פאָלק און האָב זיך פערנומען מיט פראָפּאַגאַנדע. אַריינגעפאַלען. אָבגעווען פינפאונצוואַנציג יאָהר אין סיביר. פריהער אויף קאַטאָרגע, דערנאָך אין פערשיקונג. שפּעטער בין איך אַנטלאָפען און אַט וואַנדער איך שוין דאָס זעקסטע יאָהר אַרום איבער רוסלאַנד. כ׳אַרבייט, וויפיל מיינע כחות טראָגען אויס. פיהר שמועסען מיט דער יוגענד, מיט פויערים, מיט אַרבייטער, כ׳רוף זיי צום קאַמף, כ׳טייל זיך מיט זיי מיט מיינע ערפאַהרונגען. אָט דאָס איז אַלץ.

וויקטאָר

ענטשולדיגט! זענט איהר נישט קאַנדעיעוו?

קאַנדעיעוו

אודאי קאַנדעיעוו!

וויקטאָר

נעהמט איהם אַרום

ליבענקער, האַרציגער!

ליזא דריקט איהם די האַנד

קאַנדעיעוו

גערידרט

אַדאַנק אייך, קינדערלעך! אַדאַנק אייך, טייערע מיינע. נו, איז נויטיג געווען זיך צו קאָנספּירירען? מיט דער יוגענד פיהר איך קיינמאָל נישט קיין פּאָליטיק. פערשטעהט זיך, אַז נישט צו אַלע יונגעלייט רוק איך זיך. אָבער מיט דער, מיט וועלכער איך קום זיך צונויף, בין איך אָפען און פשוט. און זיי זענען מיט מיר אויך אַזוי. דערפאַר פערשטעהען מיר זיך געגענזייטיג. איך גלויב פעסט אין דער יוגענד. כ׳גלויב אין איהר געוויסען, אין איהר נשמה. איך געה צו איהר, נישט צוליב דעם, זי זאָל מיך אויסבעהאַלטען פאַר שפּיאָנען. פאַר שפּיאָנען קאָן איך זיך אויסבעהאַלטען אין אָרימען נאַכטלעגער, אין פּאָליש פון דער צערקווע—און וואו איך וויל. איך געה צו דער יוגענד דערפאַר, ווייל איך דאַרף געוויסען, שכל הישר! (שטעהט אויף) אָט האָב איך אייך דערצעהלט וועגען מיר. איצט דערצעהלט איהר וועגען זיך.

וויקטאָר

נישטאָ וואָס צו דערצעהלען.

קאַנדעיעוו

שוין-זשע גאָרנישט? נו, למשל, וואָס טהוסטו?

וויקטאָר

איהר זעהט דאָך: איך זוברעווע, כ׳גרייט זיך צום לעצטען עקזאַמען.

קאַנדעיעוו

אַ-אַ-זוי! (צו ליזען) נו, און דו?

וויקטאָר

זי לעזט מאַרקס'ן.

קאַנדעיעוו

אַזוי גאָר!... לעזסט און מאַטערסט זיך, נאַטירליך. זאָגסט צו זיך כסדר: „אַך, וואָס פאַר אַ גראָבער קאָפּ איך בין! דאָס פערשטעה איך נישט און יענץ פערשטעה איך נישט... וואָס וועט פון מיר זיין, כ'טויג צו גאָרנישט.״ נו, זיי זיך מודה, אויפ־ריכטיג, ס'איז אמת?

ליזאַ

זעהר ערנסט

כ'טראַכט אַזוי... און כ'ווין אָפּט פון די מחשבות.

קאַנדעיעוו

זעהסט, ווי איך האָב געטראָפען. און געטראָפען האָב איך דערפאַר, ווייל אַזעלכע מיידלעך ווי דו, וואָס ווייגען, זענען פאַרהאַן צעהנדליגער טויזענדער. און ווילסטו איך זאָל דיר זאָגען פאַרוואָס דו ווינסט און מאַטערסט זיך?

ליזאַ

זאָגט.

קאַנדעיעוו

כ'וועל טאַקי זאָגען. דו מיינסט, אַז דיינע ליידען און דיינע טרעהרען קומען פון דיין אידעל האַרץ? ניין, שוועסטער־לעבען! דו ווינסט פון גיריגקייט, פון פאַלשקייט! מ'עגסט זיך יאָ בעליידיגען, נישט בעליידיגען, איך זאָג דיר אָבער פון טי־פען האַרצען דעם גאַנצען אמת. איהר זענט אַלע אַזעלכע גי־

ריגע, פאַלשע און עגאָאיסטישע.

ליזאַ

דערשראָקען

גיריגע?... פאַלשע?

קאָנדעיעוו

יאָ, גיריגע! אַלט יאָהר האָסטו זיך געלערנט אין גימנאַזיע און דיר איז עס ווייניג! האָסט דורכגעלעזען פושקינ׳ען, טורגעניעוו׳ן, טאָלסטאָיע׳ן, האָסט דורכגעלעזען שלאָססער׳ן, דאַרווינ׳ען, ניטשע׳ן,—דיר איז דאָס נאָך אויך ווייניג? איצט לעזסטו מאַרקס׳ן, עס וועט דיר געוויס אויך ווייניג זיין. נאָך מאַרקס׳ן וועסטו דאַרפען העגעל׳ן, פּלאַטען, פייערבאַך׳ן. און וועסטו זיי שוין אויך האָבען געלעזען, וועסטו נאָך אַלץ קלאָגען און זיך פייניגען! „אַך, וואָס פאַר אַ נישט איך בין, איך האָב נאָך די ווענוס פון מילאָ נישט געזעהן!" נו, גיב אַ טראַכט, איז דאָס נישט געוויסענלאָז, גיריג און עגאָאיסטיש? דו מוזט האָבען מאַרקס און אַווענאַריוס און ווענוס. און הונדערט מיליאָן מענשען, וועלכע בעצאָהלען מיט זייער שוויס און בלוט דיין לעהרע—פוילען דערווייל אין פינסטערניש, ווערען געשוואָלען פון הונגער, קומען אום און ווערען פערשמיסען פון טשערקעסען און אין דערזעלבער צייט האָסטו גאָר אין זין אָנצופילען דיין קאָפּ מיט וויסענשאַפטען. דו דאַרפסט אַלץ—און איהם, דעם פאָלק, וואָס?

ליזאַ

שטאַרק אויפגערעגט

טאָ וואָס-זשע טהוט מען? ווי אַזוי קאָן מען געהן צום פאָלק אָהן וויסען, אָהן דער געהעריגער צוגרייטונג? כדי צו קאָנען עפּעס געבען דעם פאָלק, דאַרף מען דאָך אַליין וויסען. און אַז איך אַליין האָב זיך נאָך נישט פונאַנדערגעקליבען?

קאַנדעיעוו

אין וואָס האָסטו זזך נישט פונאַנדערגעקליבען? אין דעם צי דער פויער איז טעמפ און נאַריש? אָט געה צו איהם צו און גיב אַ קוק, וועסטו זיך פונאַנדערקליבען. וואָס נאָך ווייסטו נישט? צי עס איז נויטיג טעראָר? אַז דו ווייסט נישט, טאָ בע-נוץ נישט קיין טעראָר און רעד נישט דערפון. און איצט קלויב זיך פונאַנדער אין דעם, וואָס דו ווייסט יאָ, אין דעם, וואָס דו קאָנסט יאָ געבען דעם אונוויסענדען פאָלק. דו קאָנסט איהם דערצעהלען וועגען דער זעלבסטהערשונג, קאָנסט איהם דער-צעהלען וועגען די יסודות פון סאָציאַליזם, קאָנסט איהם דער-צעהלען ווי אַזוי עס קעמפען זיינע אַרבייטער-ברידער אין אַנ-דערע לענדער, קאָנסט איהם ערקלערען ווי אַזוי ער ווערט עקס-פלואַטירט אי פון צאַר, אי פון פריץ, אי פון פאַבריקאַנט, קאַנסטו? זאָג!

ליזא

איך ווייס אָבער נישט, ווי אַזוי מען רעדט צום פאָלק. איך האָב זיך קיינמאָל נישט צונויפגעטראָפען, נישט מיט'ן פויער, נישט מיט'ן אַרבייטער.

קאַנדעיעוו

און מאַרקס וועט דיך דאָס אויסלערנען? אָט געה און לערן זיך. און נעהם טאַקי מיט זיך מיט מאַרקס'ן און אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען. אַרבייט און לערן זיך. עס וועט דיר נאָך קלע-קען צייט אויף צו לערנען זיך אויך און פונאַנדערצוקליבען זיך אין פראַגען אויך. און וועסטו אַמאָל אַריינפאַלען אין טור-מע—וועסטו דאָך שוין געוויס האָבען גענוג פרייע צייט, אַ סך פרייע צייט, כאָטש הויב אָן פון פאַלעס'ן. אַנדערש וועסטו זיך צוואַנציג יאָהר כסדר לערנען און אַז דו וועסט שוין אַלץ האָ-בען געלערנט, אין אַלע פראַגען זיין קלאָר, וועסטו זיך ערשט אַרומזעהן, אַז דו האָסט קיין נשמה שוין נישט. אָבער לערנסטו און אַרבייטסט, וועט דיין נשמה בלייבען גאַנץ, די פראַגען גע-

לעזט און דאָס געוויסען רוהיג.

ליזאַ

געהט צו צו קאַנדעיעוו'ן, נעהמט אַרום זיין קאָפּ און קושט איהם אין שטערן

אַדאַנק! איך... געה!

קאַנדעיעוו

איך דאַנק דיר אויך, ליבינקע, האַרציגע! (צו וויקטאָר'ן) און דו?

וויקטאָר

וואָכ? איך האָב זיך שוין, דוכט זיך, יאָ פונאַנדערגעקלי-בען. כ'האָב שוין עפּעס פּרובירט. ס'איז דאָ אַרבייט—גיט אַהער. איך בין גרייט!

קאַנדעיעוו

גיט אַהער! אַליין נעהם דיר אַרבייט, נישט—„גיט אַהער"! וואָס זענען מיר דען נאַטשאַלסטוואָ? מען זאָל איהם געבען! ווי אַלט ביזטו? מיר האָבען צו אַכצעהן—ניינצעהן יאָהר, קיינעם נישט פרעגענדיג, געשאַפען אַ סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין פּיראווג-פּופּציג גובערניעס. און אייך דאַרף מען נאָר געבען! און איהר אַליין וואו זענט? און די איניציאַטיוו אייערע וואו איז? ווער איז בעל-הבית איבער'ן געפּייניגטען און ליידענדען רוסלאַנד: נאַטשאַלסטוואָ, צי דו? די נאַטשאַלסטוואָ אָנערקענסטו נישט? מאָ אָנערקען זיך זעלבסט אַלס בעל-הבית און הויב אָן בעל-הבית'ע-ווען! זעה נאָר, וואָס פאַר אַ גובערניע דו האָסט פאַר דיר: אין אַ וואָך צייט וועסטו זי נישט אויספאָהרען. און וואָס איז איצט ביי אייך? ווער אַרבייט אויף די פאַבריקען? ווער אַרבייט אין דאָרף? ווער צווישען דער יוגענד? קיינער נישט. אַ חרפּה און אַ שאַנד! און דו זאָגסט: גיט אַהער און גיט אַהער!

פיאָדאָר געהט אריין

פיאָדאָר

נישט בעמערקענדיג קאַנדעיעוו'ן

פריהער, פאַר דער פרייהייט, האָבען מענשען אויך נישט געוואָלט גלויבען. עס קאָן נישט זיין, האָבען אַלע געזאָגט, אַז מ׳זאָל ביי די פריצים צונעהמען די מענשען. האָט מען אַזוי לאַנג גערעדט, ביז מ׳האָט זיך דערוואַרט. מיט דער אייזענבאַהן אויך אַזוי. אַז מ׳האָט אָנגעהויבען צו רעדען דערפון, האָבען אַלע געלאַכט: ס׳קאָן נישט געמאָלט זיין, האָבען זיי געזאָגט, אַז אַ וואָגען, אָהן פערד, זאָל אַליין לויפען. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז ס׳איז יאָ געמאָלט. ס׳לויפט טאַקי. דאָסזעלבע איצט מיט דער ערד. אָט לאַכט איהר אויך: עס איז נישט מעגליך, זאָגט איהר, מ׳זאָל געבען. אָבער אַז מענשען רעדען—וועלען זיי זיך דעררעדען.

קאַנדעיעוו

ווער, הייסט עס, וועט געבען די פויערים ערד?

פיאָדאָר

קוקט זיך אַרום

ווער? דער צאַר וועט געבען! וואָס הייסט, ווער?

קאַנדעיעוו

און פאַר זיך וועט דער צאַר נעהמע

פיאָדאָר

פערוואונדערט

פאַר זיך!...

קאַנדעיעוו

נו, יאָ, זיך, כדי צו בעאַרבייטען, אַקערן און זייען?

פיאָדאָר

וואָס רעדסטו עפּעס? דער צאַר אַקערט און זייעט דען?

קאַנדעיעוו

נאַאיוו

ער אַקערט נישט און זייעט נישט? ער געהערט, הייסט עס, נישט צום פויערים-שטאַנד?

פּיאָדאָר

ניין...

קאַנדעיעוו

צו וואָס זשע פאַר אַ שטאַנד דען געהערט ער? צום שררה׳שען, אודאי?

פּיאָדאָר

נישט גערן

צום שררה׳שען.

קאַנדעיעוו

אויב זשע דער צאַר געהערט צום שררה׳שען שטאַנד, האָט ער דאָך, הייסט עס, זיין ערד און זיינע קרובים האָבען אויך ערד. פאַרוואָס-זשע גיט ער נישט אַוועק זיין ערד און זיינע קרובים׳ס ערד צו די פויערים? נו, זאָג, פאַרוואָס?

פּיאָדאָר

אין פערלעגענהייט

ווער ווייסט איהם דען? אויף דערויף איז ער דאָך אַ צאַר...

קאַנדעיעוו

אַלזאָ, גוט. איצט ווייטער: דו זאָגסט, אַז דער צאַר וועט איינגיכען אַוועקנעהמען די ערד ביי די פריצים און אַוועקגעבען זי די פויערים. פאַרוואָס זשע האָט ער עס ביז אַהער נישט געטהון?

פיאָדאָר

פאַרוואָס? דער סינאָד האָט נישט געלאָזט.

קאַנדעיעוו

און ווער זשע זיצט דאָרט, אין סינאָד?

פיאָדאָר

פערשטעהט זיך, אַז פריצים

קאַנדעיעוו

קומט דאָך אויס אַזוי: דער צאַר מיט די פריצים זיצען אין סינאָד. דער צאַר הייסט זיי אַוועקגעבען די ערד צו די פויערים און זיי פאָלגען נישט, בונטעווען זיך, הייסט עס? ריכטיג?

פיאָדאָר

דערפרעהט

אָט-אָט. אַזוי איז עס טאַקי!

קאַנדעיעוו

פאַרוואָס זשע אונטערדריקט נישט דער צאַר די בונטאָוו-טשיקעס? פאַרוואָס שיקט ער נישט אַרויס קעגען זיי קיין סאָל-דאַטען?

פיאָדאָר

פאַרוואָס ער אונטערדריקט זיי נישט?... ער האָט מורא!

קאַנדעיעוו

און וועלכע זענען דאָ מעהר אין לאַנד: פויערים, צי פריצים?

פיאָדאָר

ס'איז גוט! פערשטעהט זיך, אַז פויערים. אונזערע ברי-

דער, דאָרפס-מענשען, זענען אודאי כמעט גאַנץ רוסלאַנד און פּריצים וועט אינגאַנצען זיין אַ קליין הייפּעלע.

קאַנדעיעוו

און אויב די פּויערים מאַכען אַ בונט צוליב ערד אָדער צוליב צינזען, שיקט דער צאַר קעגען זיי אַרויס סאָלדאַטען און הייסט זיי שיסען אויף די פּויערים. פאַרוואָס זשע האָט ער נישט קיין מורא אונטערצודריקען די פּויערים און פאַר די פּריצים, כאָטש זיי זענען אַ קליין הייפּעלע, האָט ער יאָ מורא? נו, זאָג מיר.

פּיאָדאָר

אין גרויס פערלעגענהייט

נו, זאָג דו.

קאַנדעיעוו

ניין, דו זאָג.

פּיאָדאָר

ניין, זאָג דו.

קאַנדעיעוו

נו, ווילסט, וועל איך זאָגען. דאָס אַלץ איז נישט מעהר ווי אַ שווינדעל! אַט וואָס!

פּיאָדאָר

אַ שווינדעל, זאָגסטו?

קאַנדעיעוו

יאָ, אַ שווינדעל! ווען דער צאַר וואָלט געוואָלט געבען די פּויערים ערד, וואָלט ער קודם כל אַוועקגעגעבען זיין אייגענע ערד. ווען ער וואָלט געוואָלט די טובה פון די פּויערים,

וואָלט ער נישט אויסעקליבען פאַר זיינע עצה-געבער בלויז פריצים און רייכע, נאָר ער וואָלט זיך בעראַטען מיט דעם פראָ-סטען פאָלק. אַ חוץ דעם, ווען ער וואָלט נישט געווען יד אחת מיטן סינאָד, וואָלט ער זיי שוין לאַנג געהאַט אָנגעלערנט, וואָלט ער פאַר זיי קיין מורא נישט געהאַט, ווי ער האָט קיין מורא נישט פאַר די פויערים...

ס'הערט זיך אַ קלונג

ליזאַ

דער פאַפאַ איז געקומען.

פיאָדאָר

כ'וועל געהן עפענען. (אָב)

וויקטאָר

איהר האָט אונז געגעבען אַ לעקציע, ווי אַזוי צו רעדען מיט אַ פויער. איך האָב שוין מיט איהם פיל מאָל גערעדט און האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי צוצוקומען צו אָט דער פעסטונג פון אמונה אין צאַר.

קאַנדעיעוו

נישטאָ קיין גרינגערס, ווי צוצוקלאַפען אַזאַ פערפוילטע פעסטונג.

ליזאַ

דער פאָטער איז געקומען. ער קאָן נאָך אַריינקומען דאָ אַהער. געהט בעסער אַריין צו מור אין צימער.

קאַנדעיעוו

ווער איז אייער פאָטער? איך האָב זיך גאָרנישט געפרעגט, ווי איז אייער פאַמיליע?

וויקטאָר

יערשאָוו.

קאַנדעיעוו

אַ בעקאַנטע פאַמיליע. כ'האָב אַמאָל געקענט אַ יערשאָוו.

וויקטאָר

איהר האָט אפשר דעם פאָטער געקענט. ער איז אַמאָל אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער. ער איז אין טורמע געזעסען.

קאַנדעיעוו

אין וואָס פאַר אַ בעשולדיגונג?

וויקטאָר

פון פּראָצעס 193.

קאַנדעיעוו

שפרינגט אויף

וואָס רעדט איהר! ווי רופט מען אייער פאָטער? נישט מיכאַיל?

וויקטאָר

מיכאַיל יעגאָראָוויטש.

קאַנדעיעוו

טייערע מיינע! מיינס אַנ'אַלטער חבר און פריינד. מיר זע-נען צוזאַמען אין פאָלק געגאַנגען, צוזאַמען פּראָפּאַגאַנדירט, צו-זאַמען אין טורמע געזעסען. וואו איז ער? איך מוז איהם זעהן. (אַ קלאַפּ אין טהיר) ער איז דאָ!

יערשאָוו קומט אַריין

יערשאָוו

נישט בעמערקענדיג קאַנדעיעוו'ן, דערלאַנגט וויקטאָר'ן אַ נומער „אָסוואָבאָזשדעניע".

אָט האָסטו, וויקטאָר.

בעמערקט קאַנדעיעוו'ן, וועלכער קוקט זיך אין איהם שטאַרק איין. קוקט אויך אויף איהם פערוואונדערט, מאַכט אַ טריט צו איהם.

קאַנדעיעוו

דערקענסט נישט?

יערשאָוו

גאָט מיינער!... נישט שוין-זשע... אַנדריי?...

קאַנדעיעוו

אַנדריי. (שטעקט אויס צו איהם די האַנד) נו, וואָס מאַכסטו, מישאַ!

יערשאָוו

גאָטעניו! אַזוי אומגעריכט! (נעהמען זיך אַרום) ווי אַזוי? פון וואַנען?

קאַנדעיעוו

פון יענער וועלט.

יערשאָוו

ווען האָט מען דיך בעפרייט?

קאַנדעיעוו

מ'האָט מיך נאָך נישט בעפרייט. כ'האָב זיך אַליין בעפרייט

יערשאָוו

שטיל

ביזט אַנטלאָפען?

קאַנדעיעוו

אַנטלאָפען. שוין דאָס זעקסטע יאָהר, ווי כ'וואַלגער זיך אַרום איבער רוסלאַנד אונלעגאַל. אָט האָט מען מיך געבראַכט צו דיין יונגוואַרג צו בעהאַלטען.

יערשאָוו

אַזוי, אַזוי! גאַר אומגעריכט!

קאַנדעיעוו

אַזוי איז עס. נו, לאָמיר זיך, ברודער, אַ ביסעל דורכ־שמועסען מיט דיר. נאָר מיט דיר וואָלט איך געוואָלט רעדען אונטער פיר אויגען.

ליזא

מיר וועלעי צוועקגעהן.

אָב מיט וויקטאָר'ן

יערשאָוו

נו, דערצעהל, ליבער, ווי, וואָס? ווי האָסטו געלעבט און געליטען? מיר האָבען זיך דאָך שוין דרייסיג יאָהר נישט געזעהן!

קאַנעדיעוו

וואָס זאָל איך דיר דערצעהלען? מיין ערצעהלונג איז אַ קורצע...

יערשאָוו

געזונט ביזטו? זעהסט נאָך אויס אַ וואוילער יונג.

קאַנדעיעוו

וואָס מיר געזונד? אויף „קאַזיאָנע" קעסט אָבגעלעבט פינפ־אונצוואַנציג יאָהר.

יערשאָוו

ווי אַזוי איז דיר געלונגען צו אַנטלויפען?

קאַנדעיעוו

דאָס איז נישט קיין גרויסע קונץ. כ'האָב גענומען און בין אַנטלאָפען. אַט דערצעהל דו וועגען זיך. ווי לעבסטו? וואָס טהוסטו?

יערשאָוו

איך? אויך נישט קיין גרויסע געשיכֿטע. ווי דו זעהסט, האָב איך זיך לעגאַליזירט. לעב אַלס פריץ. געהאַט אַ ווייב, איז זי געשטאָרבען... צוויי קינדער. זיי ערצויגען... דוכֿט זיך, וואוי־לע קינדער...

קאַנדעיעוו

וואָס דערצעהלסטו מיר פון זיי? איך פרעג זיך וועגען דיר צאַליין. וואָס טהוסטו?

יערשאָוו

אָט, כ׳אַרבייט אין די זעמסטוואָ..

קאַנדעיעוו

נו, און וואָס נאָך?

יערשאָוו

וואָס נאָך? מעהר גאָרנישט... אַ בירגער, ווי אַלע בירגער. כ׳פערנעהם זיך פון צייט צו צייט מיט ליבעראַלער שתדלנות.

קאַנדעיעוו

אַזוי־וי! (פויזע) וועניגליך... כ׳האָב מעהר ערוואַרט פון דיר!..

יערשאָוו

איך האָב אויך, ברודער, פון זיך מעהר ערוואַרט און האָב זיך גענאַרט... נישטאָ קיין ברירה.

קאַנדעיעוו

וואָס? נישטאָ קיין ברירה?! און דאָס רעדסט דו, מיכאַיל?!

יערשאָוו

יאָ! איך!

קאַנדעיעוו

אַ חרפה.

יערשאָוו

עך, ברודער, נישט קיין חרפה! דיר איז לייכט צו רע-דען! דו ביזט פינפאונצוואַנציג יאָהר געווען אויסער צייט און רוים—ביזטו געבליבען אונבעריהרט. וואָלסטו אָבער געלעבט די לעצטע פופצעהן-צוואַנציג יאָהר דאָ אין אונזער מדבר, וואָלסטו אַנדערש גערעדט! וואָרום דו ווייסט, וואָס פאַר אַ צייט דאָס איז געווען? עס האָט דאָך טראָפּען נאָך טראָפּען דאָס לעבען אויס-געזויגען. אַרום און אַרום חושך, טויטקייט, אַפּאַטיע, הפקרות. איז עפּעס גרינג געווען דעמאָלט צו האַלטען הויך די פּאָהן. ס'איז נאָר אויסגעקומען אַריינצוקריכען אין דער שאָל און איינ-שרומפּען זיך, בענוגענען זיך מיט קליינע מעשים און אפילו דאָס קליינע איז אויך אָנגעקומען מיט מאַטערניש... און אויב מיר זענען איבערגעקומען אָט דעם חושך מיט אַ פונק אין האַרץ, איז דאָס אויך אַ העלדישקייט. יאָ!

קאַנדעיעוו

פּערנויגט זיך

אַ גרויסען יישר כח דיר, דו העלד פון קליינע מעשים! הער זשע! מיר האָבען דאָרט אויך נישט געלעבט אויסער צייט און רוים. מיר האָבען אויך געפּיהלט די חושך-צייט. און פיל פון אונז זענען טאַקי אַוועק. טייל לערנען די יוקאַג'רען, טייל די יאַקוטען, אַנדערע נאָך וועמען אַנדערש. טייל צו דער ווי-סענשאַפט. טייל האָבען זיך אפילו דערשלאָגען צו קאַריערעס און אָרדענס. אָבער נישט אַלע! די אַלטע גוואַרדיע איז נישט געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסען! מיר האָבען געוואַרט! מיר האָבען געגלויבט. מיר זענען יעדען טאָג, יעדע שעה געווען גרייט, מיר האָבען זיך איינגעהערט, צי הערט מען נישט קיין רוף. און ווען דער רוף האָט זיך דערהערט, זענען מיר געגאַנגען מיט

דער אַלטער ליבער פּאַהן, מיט'ן אַלטען גלויבען און מיר האָ-בען אָנגעטראָפען אַ יוגענד, וועלכע האָט זיך אָבגערופען אויף אונזער רוף, מיר האָבען אָנגעטראָפען אַ נײַ פּויערטום, אַ נײַעם אַרבייטער... און דו, אַלטער, וואָס האָסטו געטהון, ווען די חושך-צייט איז אַוועק? גיב אַנ'ענטפער!

יערשאָוו

שטעהט פערלמורעט

נישטאָ קיין ענטפער... איצט זענען נײַע צייטען, נײַע פאָדערונגען... מ'פערשטעהט אונז נישט און מיר פערשטעהען זיי נישט.

קאַנדעיע

נישט אמת! מ'פערשטעהט אונז! (פויזע) ע-עך, אַלטיטשקער, טהו אַ קוק אויף זיך: וויפיל האָסטו נאָך איינגאַנצען צו לעבען? דו וועסט דאָך שטאַרבען אויף דיין בעט, ווי אַ הונד אין זיין בודע. אַ חרפּה, אַ חרפּה איז בעת מלחמה צו שטאַרבען אין אייגענעם בעט! אויפ'ן שלאַכטפעלד דאַרף מען שטאַרבען! דו ביזט דאָך אַ סאָלדאַט פון דער אַלטער רעוואָלוציאָנערער גוואַרדיע!

יערשאָוו

לעגט ארויף די האַנד אויף זיין אַקסעל

הער זיך איין, פריינד. דו האָסט אָנגעריהרט די אָנגע-ווערהטאָגטסטע סטרונע אין מיין האַרץ... פערשעם מיך נישט... איך... האָב נישט פעררעטען... גאָט איז אַנ'עדות, ביי מיר איז דער נשמה איז געבליבען אונבעריהרט, דאָס אַלטע, דאָס טייע-רע. אויף דער נשמה האָט זיך נאָר אָבגעלעגט אַ שימעל, אַ פערפּוילטער, אַ מיאוסער, אַ קליינליכער, אַ פּחדנות'דיגער. אָבער די נשמה איז אונבעריהרט—און איך בין נישט געשטאָרבען.. איך בין נאָך פעהיג אָבצוטרייסלען פון זיך אַלץ, וואָס האָט אָבגעלעגט אויף מיין נשמה און... ווידער זיך שטעלען רייהען, ווען דער שופר וועט רופען..

קאנדעיעוו

דער שופר האָט שוין גערופען! די אַלטע האָבען אַ גרויסע אויפגאַבע פאַר זיך!

יערשאָוו

נעהמט איהם ארום

אַנדריי! כ'פיהל, אַז אַ פערטעל יאָהרהונדערט פאַלט מיר פון די פּלייצעס אַראָב! כ'פיהל, אַז דאָס אַלטע האַרץ הויבט ווידער אָן צו קלאַפּען... אויב די אַלטע האָבען אויך אַנ'אויפגאַבע פאַר זיך—וועלען מיר בעוויזען, וואָס מיר קאָנען! וואַרט, כ'וועל אַריינרופען די קינדער.

געהט שנעל ארויס

קאַנדעיעוו

שטעהט פערטראַכט, געריהרט

עס האָט זיך אָבגערופען אין איהם די אַלטע גוואַרדיע!

פיאָדאָר קומט אַריין

פיאָדאָר

געהט פאָרזיכטיג צו צו קאַנדעיעוו'ן, גיט איהם אַ צופּ ביים ארבעל

הער נאָר!

קאַנדעיעוו

וואָס?

פיאָדאָר

פון וועלכע שטאַמסטו?

קאַנדעיעוו

פון די פּויערים, ברודער, דערפאַר קען איך דעם פויערשען גורל.

פּיאָדאָר

אײַנרוימענדיג

זאָגסטו, אַז וועגען ערד איז אַלץ נאָר אַ שווינדעל?

קאַנדעיעוו

בעשטימט אַ שווינדעל. ווילסט, וועל איך דיר דערצעהלען וועגען צאַר.

פּיאָדאָר

נו, דערצעהל...

זעצט זיך, יערשאָוו קומט מיט שנעלע טריט אַרײַן

יערשאָוו

אויפגערעגט

אַנדריי, ס׳הויז איז אַרומגערינגעלט פון זשאַנדאַרמען! וואָס טהוט מען?

קאַנדעיעוו

שוין?... קיין זייטיגער אַרויסגאַנג אין שכנ׳ישען הויז אַרײַן איז נישטאָ?...

יערשאָוו

ניין.

קאַנדעיעוו

נאָך אַ ווײַלע טראַכטען צו פּיאָדאָר׳ן ענטשלאָס

הער אויס, ברודער! ווי דו זעהסט מיך, האָב איך דרייסיג יאָהר געדינט דעם פויערים-פאָלק מיט לײַב און לעבען, דערפאַר האָט מען מיך געטריבען, געפּייניגט, פערשפּאַרט אין טורמע און אויף קאַטאָרגע. איצט זענען די זשאַנדאַרמען געקומען מיך ווידעראַמאַל נעהמען. דין מיר איצט אָב, ברודער. טהו אַ טובה!

פֿיאָדאָר

צומישט

וואָס? אדרבה!... פאַרוואָס נישט אַרויסהעלפֿען, אַז דו ביזט אַ גוטער מענש?

קאַנדעיעוו

אַרף פון זיך שנעלער אַראָב דאָס פעלצעל, די וואוילי־קעס, דאָס היטעל—גיב עס מיר—און דו לעג זיך אויפ'ן אוי־ווען. איך וועל זיך פערשטעלען פאַר'ן עלטערן הויז־וועכטער און דו, אויב מ'וועט דיך פרעגען, וועסטו זאָגען, אַז דו ביזט דער געהילף און ענטפער, אַז דו ווייסט פון גאָרנישט. (א שארפער קלונג) נו, שנעליי

פֿיאָדאָר

דערלאַנגט איהם ברייטליך די האַנד

גוט! אָט הזָסטו!

וואַרפט פון זיך פלינק אַראָב דאָס פעלצעל, די וואויליקעס, דאָס היטעל און דערלאַנגט עס קאַנדעיעוו'ן

קאַנדעיעוו

טהוט אָן. נעהמט אַ ליכט, געהט צו דער טהיר. צו יערשאָוו'ן

זיץ אויף אַנ'אָרט, ברודער, האַלט זיך רוהיג! וואו זע־נען ד'י קינדער, אינדערהיים?

פֿיאָדאָר

אַוועקגעגאַנגען.

קאַנדעיעוו געהט אָב מיט'ן ליכט, נאָך אידם אָר. אַ צווייטער קלונג. יערשאָוו זעצט זיך צום טיש און פערטיפט זיך אין אַ ביכעל. אַ לאַנגע פויזע עס קומט אריין, אַ זשאַנדאַרמען־קאַפּיטאַן, צוויי זשאַנדאַרמען, נאָך זיי קאַנ־דעיעוו מיט'ן ליכט.

זשאנד. קאפ.

דאָ וואוינט מיכאַיל יעגאָראָוויטש יערשאָוו?

יערשאָוו

דאָס בין איך, וואָס פערלאַנגט איהר?

זשאַנד. קאפ.

איך האָב אַ בעפעהל צו מאַכען ביי אייך אַנ׳אָביסק. ביי אייך אין הויז בעהאַלט זיך אויס אַ פּאָליטישער פערברעכער, וועלכער איז אַנטלאָפען פון קאטאָרגע.

יערשאָוו

איהר האָט אַ טעות. ביי מיר אין הויז בעהאַלט זיך קיינער נישט אויס.

זשאַנד. קאפ.

ערלויבט מיר אייך אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז איך האָב קיין טעות נישט. מיט אַ שעה צוריק איז ער דאָ אַריין צוזאַמען מיט אַ סטודענט, וועלכער איז צוריק אַרויסגעקומען איינער אַלייז און איז איצט אַרעסטירט...

יערשאָוו

כ׳זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז איהר האָט אַ טעות. איבריגענס, זוכט

זשאַנד. קאפ.

מיר׳ן זוכען, מיר׳ן זוכען! (קוקט זיך ארום איבער׳ן צימער. צו קאנדיעוו׳ן) דו ביזט דער וועכטער פון דאַנען?

קאנדיעוו

גלייבט זיך אויס. סאלוטירט

איך, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

ש. אנ—סקי.

זשאַנד. קאַפ

איז דאָ ווער פריהער אַריינגעקומען?

קאַנדעיעוו

כ׳קאָן נישט וויסען, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע.

זשאַנד. קאַפ.

וואָס הייסט, קאָנסט נישט וויסען? דו האָסט דאָך גע-
עפּענט די טהיר?

קאַנדעיעוו

איך, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

זשאַנד. קאַפ.

נו, איז דאָ ווער אַריינגעקומען?

קאַנדעיעוו

כ׳קאָן נישט וויסען, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע.

זשאַנד. קאַפ.

דאָס הייסט אַנ׳אייזעל! (איבערקלערענדיג זיך) איבריגענס! (צו יערשאָוו׳ן) כ׳בעט אייך בעזייטיגען זיך אין אַ צווייטען צימער. (צו זשאַנדאַרם) געה מיט איהם!

יערשאָוו מיט׳ן זשאַנדאַרם אָפּ

זשאַנד. קאַפ.

(געהט צו נאָהנט צו קאַנדעיעוו׳ן)

דו האָסט, ווייזט אויס, געדינט אין סאָלדאַטען?

קאַנדעיעוו

געדינט, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! דריי קיסרים געדינט!

זשאַנד. קאַפּ.

גערוועןן אין שלאַכטען?

קאַנדעיעוו

גערוועןן, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! אויף די טערקען זע-נען מיר געגאַנגען. צווי וואונדען אין שלאַכטען בעקומען.

זשאַנד. קאַפּ.

מאָלאָדיעץ! פיין!

קאַנדעיעוו

מיט אַלע כחות! וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

זשאַנד. קאַפּ.

הער זשע, סאָלדאַט. עס זענען איצט אויפגעקומען, הערסטו, אַזעלכע מענשען, וועלכע מאַכען אָן צרות, פערשטעהסט? וועלכע זענען אונטערגעקויפט פון אונזער שונאים, די פּאָליאַקען, יודען און אַנדערע און זיי געהען געגען אונזער קיסר. פערשטעהסט?

קאַנדעיעוו

כ'פערשטעה, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! אַזעלכע אינער-ליכע שונאים.

זשאַנד. קאַפּ.

ריכטיג! און פאַר כאַפּען זיי איז בעשטימט אַ גרויסער לוין און אַ דאַנק פון נאַטשאַלסטוואָ.

קאַנדעיעוו

מיט אַלע כחות! וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

זשאַנד. קאַפּ.

אַלזאָ, איצט זאָג מיר: איז דאָ היינט אין אָוועגד אַריינ-

געקומען איינער אַנ׳אַלטיטשקער! דער אַלטער איז דאָס טאַקי אַנ׳אינערליכער שונא...

קאַנדעיעוו

כ׳קאָן נישט וויסען, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! אַזוי ווי כ׳בין אַ גאַנצען אָוועגד געזעסען ביים שכנ׳ישען וועכטער און געשפּילט אין קאָרטען, ווייס איך נישט, צי עס איז דאָ ווער געקומען, צי נישט... נאָר איהר, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, מעגט זיין רוהיג. אויב דער אינערליכער שונא איז דאָ אַריין, וועלען מיר איהם פון אונטער דער ערד אַרויסציהען, אויסגעפינען איהם! (פאַלט אַרײַן אין אַזארד) און אַז מיר׳ן איהם אפילו דאָ נישט געפינען—וועלען מיר איהם אויך אין שכנ׳ישען הויז זוכען. יאָ, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, עֶר איז זיך דאָס כיטרע, דער אינערליכער שונא! ער האָט געקאָנט צום שכן פערקריכען! אַזוי ווי כ׳בין מיר ביים וועכטער געזעסען, האָב איך געזעהן, ווי איבער׳ן קאָלידאָר שאַרען זיך מיר עפּעס צוויי, איינער אַ דאַרינקער און דער צווייטער אין אַ באַשליק... הע-הע, נישט געזאָרגט! זיי וועלען זיך נישט בעהאַלטען! פון אונטער דער ערד וועלען מיר אַרויסשלעפּען!

זשאנד. קאפּ.

דו האָסט אַליין געזעהן, ווי דאָ, צום שכן זענען אַריין צוויי?

קאַנדעיעוו

געזעהן, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! אָט, ווי כ׳זעה אייך. זאָרגט אייך נאָר נישט...

זשאנד. קאפּ.

אין וועלכען הויז איז עס?

קאַנדעיעוו

נומער דריי, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!

זשאנד. קאפּ.

בּעקלערענדיג זיך. צום זשאַנדאַרם

איוואַנאָוו! געה מיט איהם אין הויז נומער דריי און בּלייבּ דאָרט, בּיז מיר וועלען אַהינקומען. זאָלסט קיינעם נישט אַרויס-לאָזען! (צו קאַנדעיעוו'ן) און דו געה מיט איהם, ווייז אָן וואו זיי זענען געגאַנגען און קעהר זיך אום מיט'ן וועכטער פון נומער דריי. הערסט? כ'פערלאָז זיך אויף דיר!

קאַנדעיעוו

סאַלוטירט

מיט אַלע קרעפטען. וואַשע וויסאָקאָבּלאַגאָראָדיע!

געהט אָב צוזאַמען מיט'ן זשאַנדאַרם.

(פֿאָרהאַנג